פרייז $1.00
0 84577 47945 2
Hakiryah
תשרי תשע"ג לפ"ק




# הקריה

בס"ד | 136 | קרית יואל יצ"ו

**בסייעתא דשמיא:**

# "ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט" גיט פערמיט צו בויען גיגאנטישע וואסער פייפליין פאר קרית יואל נאכצוקומען דעם וואקסענדע וואסער געברויך בליעה"ר

**קאנטראקטאר אויסגעוועלט פון אריבער צוואנציג קאמפאניס וואס האבן אריינגעגעבן א ביד - דבר בעתו: העלט דעפ. פערמיט געווארן אינטערגעשריבן ביומא דהילולא פון רביהקוה"ט זי"ע מייסד ומחולל פון די שטאט - ערמעגליכט אנצוגיין מיט ערשטע פאזע פון פייפליין פראיעקט צו ברענגען דאס וואסער פון די שפרודלדיגע קרית יואל'ע קוועלער אין קארנוואל -**

אין א פאזיטיווע אנטוויקלונג וואס וועט ברענגען מיט א שריט נענטער די לאנג-ערווארטעטע "וואסער פייפליין" פון ניו יארק סיטי קיין קרית יואל, איז פארגאנגענעם דינסטאג פ' ראה געקומען די באשטעטיגונג פונעם "ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט", צו קענען בויען דעם ערשטן פאזע פונעם פייפליין, וואס ווערט געצויגן פון קרית יואל ביז קארנוואל, ווי שוין באריכטעט אין די פארגאנגענע חדשים.

די באשטעטיגונג איז געקומען נאך לאנג-פארצויגענע ביוראקראטישע פראצעדורן וואס האט גענומען עטליכע חדשים, און אצינד איז ב"ה געקומען די פריילינכע נייעס אז זיי האבן דאס ענדליך באשטעטיגט, וואס דאס איז א וויכטיגע שריט אינעם אנגייענדן ארבעט צו פארענדיגן דעם פייפליין.

די גוטע נייעס איז פאסיג אריינגעקומען אינעם טאג פון די יומא דהילולא קדישא פון רביה"ק זי"ע, וועלכער האט אוועקגעגעבן זיינע לעצטע יארן און כוחות אויפצושטעלן דעם הייליגן שטאט און ער האט זיך ווי באקאנט אויסגעדרוקט אז "ווען נישט קרית יואל האט ער גארנישט אויפגעטון אויף דעם עולם". צווישן אנשי שלומינו האט מען אויסגעדרוקט די התרגשות און ווי שטארק ס'שטארט ארויס אז רביה"ק רוהט נישט אויך אויף יענע וועלט צו פארזיכערן אז די שטאט וואס ער האט אויפגעשטעלט בדם לבבו האט ווייטער א קיום און ווערט פארברייטערט.

אינעם פערמיט ווערט אויסגערעכנט פונקטליך דער מהלך פונעם פייפליין, פונקטליך וויפיל פיס דער פייפליין וועט זיין, וויפיל אינטשעס ברייט, און פונקטליך וואו עס וועט געבויעט ווערן.

דער פערמיט אנטהאלט אויך א באשטעטיגונג צו בויען דעם "פרעשור רידאסינג סיסטעם" וואס וועט געבויעט ווערן אויף מאונטען ראוד.

די העלט דעפארטמענט באאמטע שרייבן אינעם פערמיט אז אלע פעדעראלע און סטעיט געזעצן זענען נאכגעקומען געווארן אויף א צופרידנשטעלנדן אופן, און אז יעדע פרט ופרט פונעם פייפליין קומט נאך די פארשריפטן פונעם העלט דעפארטמענט.

די אויבנדערמאנטע פערמיט נעמט אויך אריין די באשטעטיגונג פונעם אראנדזש קאונטי העלט דעפארטמענט, לויט ווי זיי האבן געזאגט אז זיי גייען אלעס דורך מיט די סטעיט העלט דעפארטמענט, און אלע זייערע פארלאנגען זענען שוין אדרעסירט געווארן דורכ'ן ווילידזש אין די צייט וואס מען איז דורך אלע פרטים הין און צוריק מיט די סטעיט העלט דעפארטמענט.

*

אין די זעלבע צייט גייט אן די טעכנישע ארבעט צוצוגרייטן די פאקטישע בוי-ארבעט אויפ'ן ברייטפארצווייגטן פראיעקט.

מיט געציילטע וואכן צוריק איז פארגעקומען דער "בידינג" פראצעדור פאר די ערשטע פאזע פונעם פייפליין פראיעקט, וואס ווי שוין באריכטעט האט דער ווילידזש אויפגענומען די CDM

(פארזעצונג אויף זייט 19)

# דעזיין פאר נייעם בנין "אשת חיל" פארענדיגט געווארן בשעטומ"צ

**נייער בנין וועט טראגן נאמען "אהל פעסיל לאה" ע"ש הרבנית הצדיקת ע"ה - הנהלת אשת חיל לאזט זיך אריין אין פרישע מולטי-מיליאן דאלארדיגע פראיעקט - מאסיווע פאנדרעיזינג קאמפיין אונטערגענומען - זעלטענע געלעגנהייט פאר נדבנים איינצוהאנדלן זכותים**

אין די יעצטיגע טעג איז בעז"ה פארטיג געווארן דער "דעזיין" פונעם נייעם בנין וואס ווערט צוגעבויעט צום עקזיסטירנדן "אשת חיל" געביידע, וואס וועט באהאפטן ווערן צום עקזיסטירנדן געביידע מיט א בריקל, ווי באריכטעט מיט עטליכע חדשים צוריק.

דער נייער געביידע וועט אנטהאלטן 60 נייע פריוואטע שטיבער, אין צוגאב צו די 57 בעטן אינעם עקזיסטירנדן געביידע וואס זענען מערסטנס 2 בעטן אין א שטוב.

דער געפלאנטער אשת חיל בנין וועט באשטיין פון 5 שטאקן. אויף די צוויי אויבערשטע שטאקן וועלן זיך געפינען די 60 שלאף שטיבער, און

(פארזעצונג אויף זייט 23)



סקיצע פון דעם נייעם געביידע וואס וועט בעז"ה אויפגעבויעט ווערן נעבן דעם עקזיסטירענדן אשת חיל געביידע





פתחו שערים ויבוא גוי צדיק:



## התרגשות דקדושה אין שכונת ברך משה-קרית יואל צום עפענונג פונעם פרעכטיגן ביהמ"ד החדש "ישמח משה" דקהל יטב לב

צוויט-גרעסטער בית המדרש אין עיר גדולה לאלקים קרית יואל יע"א - פיר שטאק וועט אנטהאלטן: מקוה טהרה\היכלי תורה ותפילה\בית הוראה\און אלע אנדערע הצטרכות'ער - שמחה דקדושה צום עפענונג פונעם צענטראלער מקום תורה ותפילה פאר די גאנצע אומגעגנט (זייט ב')

יום שבתון אין לשכוח:

## שמחה עילאה צום געהויבענער "שבת חנוכת ביהמ"ד" בהשתתפות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א

שכונת ברך משה איינגעהילט אין התרגשות'דיגער שטימונג שב"ק פר' נצבים העעל"ט ביי תפילת ליל שב"ק ועריכת שלחן הטהור — דברי אלקים חיים פונעם רבי'ן שליט"א בנוגע קדושת בית מקדש מעט און דברי פתיחת השערים פון הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן ורב הביהמ"ד דינט אלס פאסיגסטע התחלה — שמחה'דיגער קידושא רבא שבת קודש אינדערפרי לרגל המאורע הנשגבה (זייט ג')

כראנאלאגישער
## איבערבליק
אויף די מלאכת הבני' כסלו תשע"ב — תשרי תשע"ג
(זייט ו')

לך בכח"ך זה:
## 28'סטער בנין אדיר אין קרית יואל דורכן עבוד"ת הכה"ן פון הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזנבערג הי"ו
(זייט ה')

ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם:
## ספעציעלע געלעגנהייט פראקלאמירט צו פאראייביגן זכותים אדירים בין כותלי ביהמ"ד
(זייט ה')

ספעציעלע אפטיילונג אינעם היינטיגן הקריה אנגעהויבן זייט 25

# ווענט פון ביהמ"ד "בית ברוך" דקיט"ל באצירט מיט פראכטפולע מארמאר-שטיין לפאר ולרומם בית אלקינו

אין די פארגאנגענע וואכן איז דורכגעפירט געווארן העפטיגע קאָנסטרוקציע ארבעט אין ביהמ"ד בית ברוך דקהל יטב לב, צו פאַרענדיגן דעם היכל הביהמ"ד פון אינעווייניג, ווען דער גאַנצער ביהמ"ד איז אויסגעצירט געוואָרן מיט הערליכע מארמאר שטיין צוגעבנדיג א געוואַלדיגן פראַכט און חן כראוי וכיאות פאַר א בית מקדש מעט.

דער ביהמ"ד בית ברוך, וואָס געפונט זיך אויף די סאסוב גאס, דינט אלס א הערליכער ווינקל לתורה ולתפלה פאַר די עטליכע גאַסן קאַרלין, סאַסוב, טעיטש און מאַונטעין ראָוד, תחת הדרכת רב הביהמ"ד הגה"צ רבי יואל שליט"א בן כ"ק מרן רבינו שליט"א.

דער ביהמ"ד איז נדבת לבו פון הרה"ח רבי אברהם ווייעדער שליט"א ראה"ק וראש העיר פון קרית יואל, וועלכער האט מנדב געווען דעם ביהמ"ד לזכר נשמת זיין אומפארגעסליכן זון להבחל"ח ר' ברוך בענדיט ע"ה וואס דער ביהמ"ד איז טאקע נקרא על שמו. און אצינד האט דער חשוב'ער נדבן שליט"א מוסיף געווען א נדבה הגונה צו קענען באצירן דעם היכל הביהמ"ד פון אינעוויינינג לשביעת רצון באי שערי בית ה'.

באזונדער איז א חלק פון די רענאוואציע קאסטן געשאפן געווארן פון נדיבי עם דורך הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר, וועלכער איז באקאנט אלס דער עסקן בה"א הידועה פאר אלע בתי מדרשים אין די שטאט, און ארבעט א גאנץ יאר לפאר ולרומם בתי מקדש מעט.

דער ביהמ"ד בית ברוך ווערט פאררעכנט צווישן די שענסטע בתי מדרשים אין די שטאט קרית יואל. און דער ביהמ"ד ברענגט טאקע דעם ריכטיגן כבוד פאַר רביה"ק זי"ע וואס שעפט תענוג ונחת בשמי מרום פון די פילע בליענדע מקומות לתורה ותפלה אין די שטאט.

בבית אלקים נהלך ברגש.





דער ביהמ"ד בית ברוך דקהל יטב לב הערליך אויסגעצירט מיט מארמאר-שטיין פון אינעווייניג

---

**היכי דמי הכרת הטוב:**

# פילע הונדערטער איינוואוינער נעמען אנטייל אין וויכטיגע "דעמאקראטישע" און "קאנסערוואטיווע" פריימערי וואלן

**אנ"ש אינדארסירטער קאנדידאט דזשערערד מעקוועיד געווינט פארמעסט א דאנק קרית יואל'ער שטימען**

פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' נצבים, ה' סליחות, האבן זיך הונדערטער תושבי קרית יואל באטייליגט אין די וויכטיגע פריימערי וואלן, אויף די "דעמאקראטישע" און "קאנסערוואטיווע" טיקעטס. ארויסצואווייזן שטיצע פאר'ן קאנדידאט וואס ארבעט נאנט מיט קרית יואל מר. מעקוועיד.

דער פארמעסט איז געווען צו קענען לויפן קומענדיגן נאוועמבער למס' אויף דעם דעמאקראטישן און קאנסערוואטיוון טיקעט פאר'ן אמט פון אסעמבלי פון די 98'סטע אסעמבלי דיסטריקט וואס נעמט אריין קרית יואל. און בלויז א באגרעניצטע צאל תושבי קרית יואל וואס זענען רעגיסטרירט אויף די "דעמאקראטישע" און "קאנסערוואטיווע" פארטייען האבן געהאט די מעגליכקייט ארויסצוגיין שטימען.

## דער נייער אסעמבלי זייך

נאך דעם פארלאפענעם צענזוס ציילונג אין יאר 2010 למס' זענען איבערגעמאכט געווארן אלע דיסטריקטס אין ניו יארק און עס איז איינגעטיילט געווארן אויף א נייעם אויסשטעל. און קרית יואל וועלכע איז ביז דאן געווען אין דעם 97'סטן אסעמבלי דיסטריקט, איז אריינגעשטעלט געווארן אין דעם 98'סטן דיסטריקט. דער נייער פארמירטער דיסטריקט טוט אריינעמען אין זיך 7 טאונס פון ארא נדזש קאונטי אריינגערעכנט מאנרא - קרית יואל, און אויך א טייל פון טאון אוו רעמעפאו וואס שליסט איין ווילידזש אוו כתר און נאך טיילן פון די שטאט מאנסי.

אין אזא צייט ווען עס שאפט זיך א נייער אסעמבלי דיסטריקט פאר די קומענדיגע 10 יאר, איז זעלבסט פארשטענדליך גאר וויכטיג צו שיקן א מעסעדזש פאר די באאמטע אז קרית יואל שטייט גרייט צו שטיצן די וואס העלפן אונז און רעכענען זיך מיט אונזערע געברויכן. אז קרית יואל זאל ווייטער קענען בעז"ה געניסן פון די פילצאליגע הילף פון די סטעיט אסעמבלי אזוי ווי ביז היינט.

ווי באקאנט דארף יעדע געזעץ אין ניו יארק אריבערגיין אן אפשטימונג אין די אסעמבלי און אין די סטעיט סענאט, ווי אויך ווערט דורך זיי באשטעטיגט דער סטעיט בודזשעט, וואס די אלע זאכן קענען האבן א שטארקע ווירקונג אויף די פילע סערוויסעס וואס קרית יואל געניסט פון די סטעיט רעגירונג.

עס איז נישט קיין סוד אז קרית יואל איז גאר שטארק אנגעוויזן אויף פארשידענע הילף פון די סטעיט רעגירונג אין די צייט וואס די הרחבת גבולי הקדושה אין די שטאט בליעט בעז"ה אויף א גרויסן פארנעם בליעה"ר, און אין די זעלבע צייט העכערט מען נישט קיין שטייערן פאר די איינוואוינער, וואס דערפאר איז וויכטיג אז קרית יואל זאל פארמאגן אפענע טויערן אין אלבאני ביי די סטעיט פאליטישאנס.

## דער אנ"ש אינדארסירטער קאנדידאט

אצינד ווען עס איז פארגעקומען די פריימערי וואלן צווישן די קאנדידאטן וועלכע האבן זיך פארמאסטן צו לויפן אויף דעם נייעם פארמירטן דיסטריקט זיך, האט צווישן אנדערע קאנדאטירט דער לאקאלער טאון קאונסילמאן "דזשערערד מעקוועיד", וועלכער האט זיך אין די לעצטערע יארן זינט ער איז אין אמט אפן ארויסגעשטעלט לטובת קרית יואל, זיין מעסעדזש איז אלעמאל געווען קלאר פאר די איינוואוינער אין טאון אוו מאנרא מיט א פלאטפארמע צו סערווירן אלע מאנרא איינוואוינער צוגלייך, א פאקט וואס האט ארויסגערופן בייז בלוט פאר די שכינות'דיגע איינוואוינער וועלכע עס פארדריסט זיי דאס עקזיסטענץ פון קרית יואל.

דעריבער איז געווען קלאר דער אויסוואל אז קרית יואל איז מחויב צו שטיצן א פאליטישאן וואס האט זיך אזוי שיין צוגעשטעלט מיט א נאנטע צוזאמענארבייט מיט קרית יואל, און ער זעלבסט איז אראפגעריסן געווארן פאר'ן העלפן קרית יואל. און קרית יואל איז טאקע קעגן געקומען זיין הילפס רוף אנגעהויבן מיט'ן צושטעלן פאר'ן קאנדידאט די נויטיגע פעטיציעס צו קענען ארויפגיין אויפ'ן שטים צעטל און אזוי אויך נאכדעם אין דעם וואל טאג.

## דער הייסער רוף צום ציבור

אין די טעג בעפאר די וואלן איז די וואל קאמיטע פון אנ"ש ארויסגעקומען מיט א דרינגענדע בקשה צו די איינוואוינער וועלכע זענען רעגיסטרירט אויף די "דעמאקראטישע" און "קאנסערוואטיווע" פארטייען, אז טראץ דעם וואס די וואלן קומען פאר אין די פארנומענע ערב יו"ט טעג ווען עס איז נישט גרינג ארויסצוגיין שטימען, זאל מען אבער נעמען אין באטראכט אז אין דעם יעצטיגן פאל קען מען זיך נישט ערלויבן אז צוליב די קליינע טירחא זאל דער קאנדידאט וואס העלפט ארויס קרית יואל פארלירן ח"ו.

עס איז אויך ארויסגעשיקט געווארן אויף די פאסט פאר אלע משפחות וועלכע פארמאגן שטים בארעכטיגטע מיטגלידער וואס זענען רעגעסטרירט אלס דעמאקראטן אדער קאנסערוואטיוו,

(פארזעצונג אויף זייט 23)

# פעדעראלע אפעלאט געריכט פון דריי ריכטער אין ניו יארק שלייעדערט ארויס מסירות אויפצולעזן די "ווילידזש אוו קרית יואל"

**דריי ריכטער פונעם פעדעראלן סעקאנד סירקוט געריכט אין ניו יארק ווארפן אפ בסייעתא דשמיא מסירות ומלשינות קעגן "ווילידזש אוו קרית יואל" און שענקען פולע לעגאלע ערלויבעניש פאר'ן ווייטערדיגן עקזיסטענץ פונעם הייליגן שטאט עד ביאת הגואל - גינסטיגע אורטייל אומבאשרייבליכע נצחון פאר'ן מחולל ומייסד "קרית יואל" מרן רבינו קוה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע ולשמחת לב אלפי חסידי סאטמאר תושבי "קרית יואל"**

## לייענט ווארט בביי ווארט איבערזעצונג פון דעם געריכט אורטייל אויף זייטן 17-13

מזל טוב סאטמאר! מזל טוב קרית יואל!

תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די גאנצע וועלט, ובפרט תושבי עירנו עיר הצדק קריה נאמנה "קרית יואל" טרעטן אריין אין נייעם יאר מיט אויפגעהייטערטע געפילן, לויבנדיג דעם הייליגן באשעפער אויף די געוואלדיגע חסדים צו וואס מ'האט ב"ה זוכה געווען, נאכדעם וואס דאס העכסטע פעדעראלע געריכט אין ניו יארק האט ב"ה אפגעווארפן די שוידערליכע אנקלאגע מיט א פארלאנג אויפצולעזן דעם "קרית יואל ווילידזש", און דערמיט ווידער באשטעטיגט די פולע ערלויבעניש פאר'ן ווייטערדיגן קיום פונעם הייליגן שטאט.

ווי באקאנט האט זיך ליידער אפגעשפילט אין די פארגאנגענע פאר יאר א ווייטאגליכע פרשה, ווען א באקאנטע גרופע פון מוסרים — ליידער מזרע ישראל איינוואוינער אין קרית יואל — אנגעפירט דורך די א.ג. 'קעי-דזשעי אלייענס', וועלכע זענען שוין ברייט-באקאנט מיט זייערע לאנגיעריגע קייט פון השחתה, זענען אנגעגאנגען מיט אן אומגלויבליכע מסירה אין פעדעראלן געריכט קעגן די הייליגע שטאט קרית יואל, ווי זיי האבן געפאדערט פונעם געריכט גענצליך אויפצולעזן דעם "ווילידזש אוו קרית יואל", און אז דאס זאל צוריקגיין אונטער די פירערשאפט פון די טאון אוו מאנרא, ווי ס'איז געווען ביז תשל"ז.

*

וויפיל מ'טראכט נאר אריין, קוקט עס נאך אלץ ענדערש אויס ווי א חלום, ס'לייגט זיך פשוט נישט אויפ'ן שכל אז אזא פינסטערע פלאן זאל פאקטיש האבן פאסירט אין די ווירקליכקייט, אז 'ערליכע' אידן, וואס פאררופן זיך אלס אזעלכע וואס קלאמערן אין די דרכים פונעם הייליגן רבי'ן מרן הקוה"ט בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, זאלן זיך דערקייקלען צו אזא נידריגע מצב רח"ל, ביז אזוי ווייט אויף צו קענען אריינטראגן מסירות קעגן ערליכע אישי הציבור אין גוי'אישן געריכט אן קיין היתר בי"ד, דערצו מיט אזא אומגלויבליכע תביעה, אויפצולעזן דעם אייגענעם 'ווילידזש' און חרוב מאכן די גאנצע הארעוואניע, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט מסירת נפש דורכ'ן הייליגן רבי'ן זי"ע בשארית כוחותיו, אלעס צוליב אייגענע אינטערעסן און פערזענליכע נגיעות.

דער עלטערער ציבור בעה"ב חסידי סאטמאר געדענקען נאך גוט די שטורמישע אנטוויקלונגען ביים אויפשטעלן דעם "ווילידזש אוו קרית יואל", וויפיל כח און געזונט דאס האט געקאסט פאר'ן הייליגן רבי'ן זי"ע, וויפיל מסירת נפש דער צדיק וקדוש האט דערפאר מקריב געווען, וואספארא אויסנאמע וואונטשן און דיבורים דער רבי זי"ע האט געלאזט פאלן אין יענע תקופה לטובת דאס אויפשטעלן דעם ווילידזש, אלעס נאר וויבאלד דער רבי זי"ע מיט זיינע לעכטיגע אויגן האט געזען אינעם 'ווילידזש' א יסוד פאר'ן עקזיסטענץ פונעם קריה נאמנה "קרית יואל", וואס איז דאך געווען משאת נפשו כל הימים, אז ערליכע אידן זאלן קענען רואיג לעבן און זיך אויפהאלטן אין א ריינע אפגעזונדערטע ווינקל אין אמעריקע ביז משיח'ס טאג במהרה.

איבריג צו זאגן וואספארא סכנה בגשמיות וברוחניות ס'וואלט ח"ו געדראעט אויב די שוידערליכע אנקלאגע וואלט חלילה מצליח געווען אינעם פארקערטן ריכטונג, צו קענען אויפלעזן דעם ווילידזש און צוריקגיין אונטער'ן טאון אוו מאנראו. ווער קען דען באגרייפן דער צער און עגמת נפש וואס דאס וואלט ח"ו פארשאפט לנשמתו הטהורה פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע, וויפיל שאדנס דאס וואלט ח"ו פאראורזאכט פאר אלע תושבי קרית יואל אן אויסנאם, אפגערעדט פונעם הילכיגן חילול ה' וואס די אנקלאגע האט שוין ליידער פארשאפט ביז אהער, און וואלט ח"ו נאך מער געברענגט באופן נורא ואיום ה"י.

חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו, עס איז נישטא גענוג ווערטער צו קענען ארויסברענגען בשמחתן של כלל ישראל, ווען מיט אויסטערלישע רחמי שמים זענען ב"ה צעשטערט געווארן די מזימות רשע, עצו עצה ותופר דברו דבר ולא יקום כי עמנו קל. בחסדי ה' איז דער "קרית יואל ווילידזש" ארויס זכאי בדין צו קענען ווייטער עקזיסטירן מיט אן אייגענע מונציפאלע רעגירונג ווירטשאפט, און אנגיין מיט אלע פארצווייגטע סערוויסעס צו די פולסטע צופרידנהייט פון אלע טויזנטער תושבי העיר, טוענדיג בעז"ה פארזיכערן אן המשכה צו די יגיעת כפו פונעם רבי'ן זי"ע, קרית מלך רב "קרית יואל", פאר וועלכן ממשיך דרכו בקודש מרן רביה"ק הברך משה מסאטמאר זי"ע האט באזונדער אזויפיל בלוט מקדיש געווען, אונטער די נשיאות והדרכה פונעם מרא דאתרא יבלחט"א מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א.

*

די קעיס אין פעדעראלן געריכט האט זיך אנגעהויבן למספ' ???, וואס איז אגב א פארזעצונג פון געריכטליכע פראצעדורן אין די לאקאלע געריכט הייזער, וואו די טרויעריג-בארימטע כת זענען אריין שלא ברשות בי"ד, און זענען פון דארטן ארויסגעטריבן געווארן מיט גרויסע בושות.

ווי נאר די אנקלאגע איז אריינגעגעבן געווארן אין פעדעראלן דיסטריקט קאורט אין ניו יארק, האבן די הנהלת הווילידזש זיך אריינגעווארפן אין דעם ענין און איינגעשפאנט א שטאב פון העכסט-געניטע אדוואקאטן וואס זאלן פארטיידיגן די הייליגע שטאט קרית יואל, אין צוגאב צו דעם וואס חסידי סאטמאר איבער די וועלט האבן מתפלל געווען אז דער רבש"ע זאל צושטערן די פינסטערע פלענער.

נאך א רייע געריכטליכע פראצעדורן איז מיט עטליכע חדשים צוריק, ב"ה געקומען די גוטע נייעס אז דאס געריכט האט אנגענומען דעם פארלאנג פון די ווילידזש אדוואקאטן און האט ארויסגעשליידערט די קלאגעס קעגן דעם ווילידזש.

*

אויב האט מען דאן געמיינט אז דערמיט וועט זיך שטילן די פרשה, האט מען אבער א טעות געהאט. די גרופע זענען צוגעטרעטן צום נעקסטן שטאפל פון חילול שם שמים און האבן אריינגעגעבן א "נאטיץ אוו אפיעל", פארלאנגענדיג אז דער אורטייל פונעם ריכטער אינעם דיסטריקט קאורט זאל ווערן אויסגעהערט דורך דריי פעדעראלע ריכטער פונעם סעקאנד סירקוט געריכט, וואס איז די העכסטע פעדעראלע געריכט בעפאר די סופרים קאורט אין אמעריקע.

זעלבסטפארשטענדליך, אז די פרישע אנטוויקלונגען האט צוגעברענגט פרישע ווייטאגליכע זארגן פאר אלע איינוואוינער און אלוועלטליכע חסידי סאטמאר צוגלייך, ביי וועלכע "קרית יואל" איז דאס שענסטע דיימאנט שטיין אינעם קרוין פון מלכות סאטמאר, אונטער די הנהגה פונעם רועה נאמן מרן רבינו הגה"ק שליט"א. בפרט האט דאס גאר אסאך געמיינט פאר די געטרייע שליחי הציבור, די הנהלת 'הווילידזש', וועלכע זענען געצווינגען געווארן ווידער צו פארלייגן די מאקסימום כוחות און אינוועסטירן ריזיגע אוצרות געלטער צו פארטיידיגן דעם ווילידזש מיט אירע 25,000 נפשות כ"י בליעה"ר.

*

געלויבט השי"ת, אז די נאכאנאנדע שווערע כוחות פון די געטרייע הנהלת הווילידזש, די נאכאנאנדע הייסע תפילות פון תושבי קרית יואל, און די גרויסע זכותים וסייעתא דשמיא פון רבותה"ק זי"ע ויבלחט"א מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, האבן ב"ה דורכגעבראכן אלע שווערע טויערן און ענדליך געברענגט די ישועה!

געווען איז עס פארגאנגענעם מאנטאג, ב' סליחות, למספ' סעפטעמבער 10, ווען די דריי ריכטער אינעם העכסטן פעדעראלן געריכט אין ניו יארק, וואס האבן פארפיגט אויף דעם קעיס, האבן ארויסגעגעבן זייער באשלוס, ווי זיי טוען באשטעטיגן די אורטייל פונעם נידריגן געריכט, קלארשטעלנדיג אז ס'איז נישטא קיין שום ממשות'דיגע טענות קעגן דעם עקזיסטענץ פונעם ווילידזש, טראץ וואס די גרופע מוסרים האבן פרובירט מיט לעכערליכע אופנים אויפצואווייזן איבער אן אומלעגאלע פארבינדונג פון שטאט מיט רעליגיע, און זיי טוען דערמיט שענקען די פולע ערלויבעניש פאר'ן ווייטערדיגן קיום פונעם ווילידזש, ווי אין די לעצטע קרוב צו 36 יאר.

די פרייליכע נייעס האט גאר שטארק אפגעקלינגען סיי אין די לעגאלע וועלט און סיי להבדיל אין די אידישע וועלט, ספעציפיש ביי תושבי קרית יואל און ביי אלע תלמידי וחסידי סאטמאר, וועלכע דאנקען און לויבן דעם הייליגן באשעפער, כי לא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים, אז די הארעוואניע און הייליגע ירושה וואס רבינו קוה"ק מרן בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע האט איבערגעלאזט אויף דעם עולם, וועט בעז"ה ווייטער האבן א קיום ביז משיח'ס טאג, האפענטליך נישט מער מיט קיין מניעות און מכשולות, נאר על מי מנוחות מיט הרחבת הדעת.

אצינד ווען כלל ישראל שטייט יעצט אין א זמן פון תשובה א זמן פון התבוננות ותיקון המעשים, איז אוודאי צום האפן אז די אלע אנשי רשע, סיי די דאזיגע גרופע פון קרית יואל, און סיי זייערע חברים אין ברוקלין וכדו', וועלכע ווילן זיך איינרעדן אז מיט אזעלכע אומדערהערטע פסול'ע אופנים שלא עפ"י תורה, קען מען שוואך מאכן די הייליגע הנהגה און צעברעכן אן עדה קדושה בישראל, וועלן זיך בארעכענען אז לא זו הדרך, יש דין ויש דיין בישראל, מקרא מלא כתוב "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם", ווי רש"י זאגט לפניהם ולא לפני עכו"ם". ובזכות זה זאלן אלע אידישע קינדער זוכה זיין ארויסצוגיין זכאי בדין און געבענטשט ווערן מיט א זיס לעכטיג יאר.

תחל שנה וברכותי'.

## גייענדיג צום דרוק:

**מוסרים פארלאנגען פולע איבערזיכט פון אלע 13 פעדעראלע ריכטער איבער פעדעראלע קעיס נאך אומערווארטעטע אורטייל פון די 3 ריכטער**

**שוידערליך: אום שלש עשרה מדות אריינגעגעבן נאטיץ פארצוזעצן מיט הילכיגער חילול שם שמים רח"ל קעגן עקזיסטענץ פון "ווילידזש אוו קרית יואל" שנתייסדה בפקודת מרן רבינו הקוה"ט זי"ע**

"הקריה"
HAKIRYAH
3 Chevron Rd. #3A
Monroe, NY 10950
Fax: 845-774-7945
Email: hakiryah@gmail.com

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

# צופרידנהייט ביי איינוואוינער פון סוקסעספולע אויסער-ארדענטליכע ארבייט פון סאניטאציע דעפארטמענט אין היי יעריגן יו"ט סעזאן

### גארבעדזש פיק-אפ'ס דורכגעפירט אין זונטאגס טראץ געשלאסענע דאָמפּ-יאַרדס

די חשוב'ע איינוואוינער זענען שטארק צופרידן פון די העכסט-גענייטע אפאראט פון די ווילידזש סעניטאציע דערפארטמענט, וועלכע האבן באוויזן נאך אומערמידליכע אנשטרענגונגען צו האלטן זויבער דעם שטעטל במשך די יו"ט טעג אפצונעמען אלע גארבעדזש אין די ערב יו"ט זונטאגס, כדי אנצוהאלטן א זויבערקייט אינעם שטאט במשך דעם יו"ט.

אין אזא יאר ווי היי יאר וואס דער לוח פון חודש תשרי לויפט אויף א סדר אז יעדע עטליכע טעג איז נאכאמאל ערב שבת אדער ערב יו"ט, איז דאס גאר שווער פאר די סאניטאציע דעפארטמענט וועלכע פונקציאנירט נישט אום שבת ויו"ט, ווי אויך איז דער דעפארטמענט געווענליך געשלאסן אום זונטאג צוליב וואס די דאָמפּ יאַרדס זענען געשלאסן און מען קען נישט דאָמפּן קיין מיסט אום זונטאג, וואס אויב געפאלט ערב יו"ט אום זונטאג אזוי ווי היי יאר ערב ראש השנה און ערב סוכות מיינט דאס אז פון פרייטאג אינדערפרי נאכדעם וואס מ'נעמט אפ די מיסט גייט דורך כמעט 5 טעג ביז מ'האט נאך א געלעגנהייט צוזאמצונעמען מיסט נאך יו"ט.

נעמנדיג אין באטראכט די שווערינקייט און אום-איינגענעמליכקייט וואס דאס ברענגט פארדיאיינוואוינער, האט דיסעניטעישאן דעפארטמענט געהאט אונטערגענומען די מאקסימום אנשטרענגונג, אז מ'זאל קענען אניאגן סיי בעפאר יו"ט און סיי באלד נאך יו"ט, אפצונעמען וואס פריער אלע אנגעלייגטע גארבעדזש צו האלטן זויבער דעם גאנצן שטעטל.

צו דעם צוועק האט די סאניטאציע דעפארטמענט געמאכט א אויסנאם און אריינגערופן די ארבייטער אפצונעמען די גארבעדזש אום זונטאג ערב יו"ט טראצדעם וואס דער דאָמפּ יאַרד איז געשלאסן אום זונטאג, דעריבער איז איינגעשטעלט געווארן אז מ'האט אריינגענומען אין די ארבעט מער טראקס ווי געוועגדליך, און די טראקס האבן צוזאמגענומען די גארבעדזש און זענען געבליבן אנגעפולט מיט די גארבעדזש ביז צו די ערשטע מעגליכקייט ווען דער דאָמפּ יאַרד האט זיך געעפנט.

אבער דאס דורכצופירן זאגט זיך פיל גרינגער ווי עס איז אין פאקט. ווייל די צאל מיסט וואס ווערט צוזאמגענומען פון די גאסן פון קרית יואל זענען פיל מער פון די צאל וואס די אלע סאניטאציע טראקס קענען אנטהאלטן. און אין א געווענליכע טאג פארן די טראקס אוועק אינמיטן די ארבייט אויסצולייידיגן די גארבעדזש אין דאָמפּ יאַרד, אבער אין יעצטיגן פאל איז דאס בכלל נישט געווען שייך צו טון, ובפרט מיט אזויפיל גארבעדזש וואס ווערט צוזאמגענומען אין א זונטאג וואס איז כמעט דאפעלט פון א דורכשניטליכע טאג.

דעריבער האט די סאניטאציע דעפארטמענט אריינגענומען אין באנוץ אלע ספעיר טראקס אויך די אלטע טראקס וואס ווערן שוין נישט באנוצט געווענליך, און מען האט אריינגעשטופט דערין דאס מאקסימום וואס איז מעגליך כדי צו קענען רייניגן די גאנצע שטאט אויף יו"ט. א באזונדערע ארבייט איז דערנאך דורכגעפירט געווארן צו פארדעקן די טראקס אז זיי זאלן נישט ארויסגעבן קיין געריך פון די אנגעלייגטע מיסט ביז ווי לאנג עס וועט קענען געפירט ווערן צום דאָמפּ יאַרד

די ארבעט איז דורכגעפירט געווארן מיט א סוקסעס ערב ר"ה, און בעת די שורות ווערן געשריבן נאך בעפאר דעם יו"ט סוכות איז דער פלאן בעז"ה ווייטער אויף זונטאג ערב סוכות דורכצופירן א מאסיווער רייניגונג אין די שטאט אויפ'ן זעלבן אופן, און מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט מען קענען האלטן ציכטיג ריין די גאסן פון שטאט לכבוד יו"ט.

והייתם נקיים.

# שטאָט געריינִיגט און הערליך צוגעגרייט לכבוד יום טוב סוכות

קרית יואל איינוואוינער האָבן אויסגעדרוקט צופרידנהייט און שעצונג צו די שווערע אַרבעט וואָס דער ווילידזש פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט האָט אַראָפּגעלייגט צו רייניגן די שטאָט און איר צוגרייטן פראַכטפול לכבוד יום טוב סוכות.

אין די וואָכן בעפאָר יום טוב האָט די פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט אַנגאַזשירט איר גאַנצן שטאַב פון אַרבעטער אַרומצוגיין רייניגן די שטאָט, מען האָט גענוצט סיי די אַרבעטער וואָס שפּאַצירן צופוסענס מיט די גאַרבעדזש קאַנעס אויף יעדן געסל און ווינקל פונעם שטאָט און רייניגן דאָס אויף, אויך האָט מען אַנגאַזשירט מערערע טראָקס סיי וועקיום טראָקס און סיי וואַסער שפּריצער און בעזים טראָקס צו רייניגן אַלע גאַסן פון שטאָט.

די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט האָט אויך געטאָן איר טייל, און טראָץ די באַשרענקטע טעג אין די לעצטע וואָכן ווען מען האָט אַלץ געהאַלטן בעפאָר אַ יום טוב אָדער נאָך אַ יום טוב, אָדער ערב שב"ק צי דערנאָך, האָט מען זיך אָנגעשטרענגט גאָר שטאַרק כסדר אויפצונעמען דעם גאַרבעדזש און האַלטן די ערטער אַרום די גאַרבעדזש הייזער די מערסטע מעגליך ריין, כדי די שטאָט זאָל זיין ריין און ציכטיג לכבוד יום טוב.

די ווילידזש פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט האָט אויך אַראַנדזשירט אַז מען זאָל איבערפאַרבן אַלע אינטערסעקשאנס אויף די שאָסייען אין קרית יואל, דאָס מיינט איבערמאַכן די אַלע ראָוד שטריכן, נעמליך די דיקע ווייסע שטריכן ביי די סטאַפּ סיינס, און די שטריכן וואָס באַצייכענען די דורכגיי וועגן פאַר די פוסגייער. אַזוי אַז די שטאָט קרית יואל האָט באַקומען אַ פרישן שפּאָגל-נייעם אויסקוק.

אויך האָט מען פונעם פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט פריש אויפגעפּאָדערט איבער דעם פארבאט פון הענגען פלאַקאַטן אויף די שטאַנגען פון די שילדן און אויף די ביימלעך אין שטאָט. די באַאַמטע האָבן אָנגעוויזן אַז מען וועט נישט פאַרציכטן אויף די שטרענגע פאָרשריפטן און מען וועט זיך ווייטער האַלטן דערצו אַז אַלע פלאַקאַטן וואָס ווערן געקלעבט אויף די שילדן און ביימער וועלן גלייך אַראָפּגענומען ווערן, דאָס איז ווייל עס שאַפט אַ געוואַלדיגן שמוץ אין שטאָט, און אויך איז דאָס צומאָל סכנות נפשות.

ספּעציעל איז דאָס אויך ביי די יוטיליטי שטאַנגען, וואָס דערויף טאָר מען אויך נישט הענגען קיין פלאַקאַטן, און די אָראַנדזש ענד ראַקלענד פירמע איז שטרענג פאַרנומען גלייך אַראָפּצורייסן די פלאַקאַטן, און דאָס זעלבע מוז דער ווילידזש פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט אויך טאָן כדי צו פאַרמיידן די שטאָט פון ווערן פאַרשמוצט פון אָנגעוואָרפענע פּאַפּירן און פלאַקאַטן, און אויך ווייל דאָס שאַפט אַ געפאַר פאַר פוסגייער.

## אַריינוואַרפן כעמיקאַלן און אַנדערע שעדליכע פליסיגקייטן אין מיסט-קאַנעס שאַפט עגמת נפש

די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט האָט אַרויסגעגעבן אַ פרישן רוף צו די איינוואוינער, אַכטונג צו געבן נישט אַריינצולייגן פרעמדע זאַכן אין די גאַרבעדזש קאַנעס און אינעם גאַרבעדזש קאָנטעינאָר.

דאָס נעמט אַריין, פעינט, אַלערליי כעמיקאַלן אַריינגערעכנט דרעינאָו, ליי, און אַנדערע שעדליכע שטאָף, וואָרום דאָס איז אַ פאַרלעצונג פון די ענווייראָמענטאַלע געזעצן.

ספּעציעל איז וויכטיג אנצואוואָרענען, דאָס וואָס יעדער פאַרשטייט, אַז מען טאָר נישט אַריינוואַרפן אין גאַרבעדזש קאַנע אָפּפאַל פון אויטאָ כעמיקאַלן און ספּעציעל נישט מאָטאָר אויל.

דער אינהאַלט פונעם גאַרבעדזש ווערט שטרענג איבערגעקוקט דורך די לאָקאַלע און סטעיט אויטאָריטעטן ביים אָפּלאָדענען די גאַרבעדזש אין די לאָקאַלע מיסט טראַנספער סטאַנציעס, און אויב געפינען זיי אומלעגאַלע שטאָף דראָעט דאָס מיט גרויסע שטראָפן אויפ'ן סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט.

די שורות ווערן געשריבן ווייל עס האָט זיך שוין געמאַכט אַז נאַכלעסיגע איינוואוינער האָבן אַריינגעגאָסן מאָטאָר אויל אין די גאַרבעדזש און דאָס איז אויפגעשימען אין די מיסט טראַנספער סטאַנציעס און איז געוואָרן דערפון אַ גרויסן טומל, בחסדי השם איז געלונגען אָפּצוקומען בלויז מיט אַ וואָרענונג, אָבער אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן קען אַ מוניציפּאַלע גאַרבעדזש אויטאָריטעט באַשטראָפט ווערן מיט שווערע טויזנטער דאָלאַרן פאַר אָט אַזאַ פאַרלעצונג.

אויך איז וויכטיג צוצולייגן אַז מען זאָל נישט אַריינלייגן ברעטער, בוי אָפּפאַל, האָלץ ברוכוואַרג און אַנדערע קאָנסטראָקשאָן איבערבלייבענישן אין די גאַרבעדזש קאַנעס, דאָס צוברעכט דעם גאַרבעדזש טראָק.

אויך אויב מען האָט "באָלק" אַוועקצופירן זאָל מען דאָס נישט סתם אַראָפּוואַרפן ביים גאַרבעדזש הויז, וואָס דאָס מאַכט אָן אַ שמוץ און שטערט די דורכגייער און שטעלט זיי אין געפאַר, אַנשטאָט זאָל מען אַריינרופן אינעם ווילידזש סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט וואו פאַר אַ מינימאַלע אָפּצאָל וועט מען דאָס אַוועקנעמען.

אויך איז וויכטיג אנצואוואָרענען, דאָס וואָס דער שכל זאָגט אַליינס, אַז מען זאָל חלילה נישט אַריינגיסן פעינט, כעמיקאַלן און מאָטאָר אויל אין די טוילעטס אָדער די רעגנוואַסער אָפּלויף סיסטעמען.

## רעגנס פאַרשווערן דאָס אפנעמען די מיסט און איבערלאָזן דעם פלאַץ ריין

אין אַ שמועס מיט די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט האָבן די פּאַרוואַלטער אָפּגעצייכנט מיט צופרידנהייט, אַז טראָצדעם וואָס אין די לעצטע וואָכן האָט מען געליטן שטורמישע רעגנס אין קרית יואל דאָך האָט דאָס זיך נישט אָנגעזען ביים אויפפּיקן די גאַרבעדזש.

וואָס מיינען מיר דערמיט? רעגן איז אַ גרויסער פּראָבלעם פאַר די סאַנעטעישאָן דעפּאַרטמענט ווייל די קאָנטעינאָרס ווערן אָנגעפילט מיט וואַסער און דאָס גיסט זיך אַריין אינעם גאַרבעדזש טראָק ווען מען נעמט אויף די גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס.

אינעם פאַרגאַנגענהייט, ווען דער טראָק פלעגט ווערן איבערגעפילט מיט וואַסער פלעגט דאָס אַרויסרינען און איבערלאָזן אַ שמוץ און אַ גערוך, עס איז געווען אומפאַרמיידבאַר.

אין די לעצטע מאָנאַטן האָט מען געמאַכט פאַרשידענע פאַרבעסערונגען אינעם סאַניטאַציע סיסטעם צו אַדרעסירן דעם פּראָבלעם, אַריינגערעכנט אינסטאָלירן בעסערע סיעלס ביי די טירן פון די טראָקס אַז די גאַרבעדזש פליסיגקייטן זאָלן נישט אַרויסרינען, אויך האָט מען אינסטאָלירט דעקלעך אויף פילע גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס.

דער פּראָבלעם איז טאַקע רעדוצירט געוואָרן אָבער נישט עלימינירט געוואָרן, און די סאַניטאַציע דעפּאַרטמענט פאָדערט אויף דעם ציבור זיכער צו מאַכן צו האַלטן די גאַרבעדזש קאָנטעינאָרס באַדעקט, ספּעציעל ווען עס רעגנט, אַזוי אַז קיין וואַסער זאָל נישט אַריינדרינגען אין די גאַרבעדזש קאַנטעינאָרס, און אַזוי העלפט מען האַלטן די שטאָט ציכטיג און ריין.

# צווייטע גרופע ביזנעסער אין קרית יואל באשטעטיגט צו באקומען "מייקרא ענטערפרייז גרענטס"

**נוצבארע ביזנעס קלאסן פארענדיגט מיט הצלחה בעז"ה**

ווי שוין געמאלדן מיט א צייט צוריק האט דער ווילידזש ב"ה מצליח געוועזן צו ברענגען א פרישע מעגליכקייט פאר נייע ביזנעסער אין קרית יואל צו באקומען גאווערמענט גרענטס אין א פרואוו צו אויפבויען און פארברייטערן די ביזנעס. דאס איז שוין די צווייטע מאל וואס עס מאכט זיך אזא געלעגנהייט אין קרית יואל.

קרית יואל האט שוין אין די פארגאנגענע יארן געשאפן רעגירונגס הילף פאר די ביזנעסער אין שטאט אויף פארשידענע אופנים, צום ערשט איז צוגעשטעלט געווארן "מייקרא ענטערפרייז אינטערעסט פרייע לאונס" וואס האט צוגעשטעלט לאנג טערמיניגע הלוואות אן קיין פראצענטן פאר די קלענער ביזנעסער, און מיט עטליכע יאר שפעטער האט די ווילידזש באוויזן צו שאפן די הילף אין פארעם פון "גרענטס" וואס מען דארף נישט צוריקצאלן.

אלעביידע פראגראמען זענען ב"ה געווען א געוואלדיגע הילף פאר די קלענערע ביזנעסער און א שטארקער שטופ אויף פאראויס פאר די עקאנאמישע דעוועלאפמענט אין קרית יואל. נאך די געוואלדיגע הצלחה פון די ערשטע גרופע ביזנעסער וועלכע האבן אפלייעט און באקומען די גרענטס,

(פארזעצונג אויף זייט 22)

# אויסטערלישע דערלייכטערונג פאר הונדערטער משפחות מיט נייעם "שארטקאט" צווישן די גאסן פון ווען ביורען, אוהעל, פילמאר און מירון

ווי באריכטעט אין פריערדיגן נומער פון "הקריה" האט דער ווילידזש אין די פארגאנגענע וואכן אויסגעפלאסטערט א נייעם קאסטבארן וואלק-וועי, וואס שלענגלט זיך צווישן די גאסן פון ווען ביורען, אוהעל פילמאר און מירון, און ערמעגליכט פאר די טויזנטער פיסגייער פון די סעקשאן 4 גאסן, שכונת ברך משה, או"ו, אנצוקומען צום אנדערן זייט שטאט וואו עס געפונט זיך די שאפינג סענטער, העלט סענטער, ווילידזש אפיסעס או"ו.

אבער וואס עס איז נישט באריכטעט געווארן, און טאקע צוליב וואס קיינער האט נישט געקענט פאראויס שאצן, וואספארא מהפיכה דאס וועט אנמאכן אין די שטאט, און וויפיל טויזנטער פיסגייער וועלן אויף איינמאל געהאלפן ווערן. אבער ווי נאר דער דורכגאנג איז פארענדיגט געווארן האבן שוין אנגעהויבן צו קומען די איבערראשענדע צופרידענע גריסן פון די אומצאליגע איינוואוינער וואס באנוצן זיך שוין מיט דעם נייעם וועג אויף א טעגליכן פארנעם.

די איינוואוינער פון די פילצאליגע גאסן אין יענעם געגנט פלעגן האבן פילע שוועריגקייטן אנצוקומען צום צענטער פון שטאט, ווייל טראצדעם

(פארזעצונג אויף זייט 23)



דער אנהויב פונעם שארטקאט אויף מירון דרייוו



דער וועג לויפט אונטער דעם פילמאר גאס



אויפ'ן וועג אראפ פון פילמאר צו ווען ביורען דרייוו



דער וועג ביז אוהעל קט. ווערט געזען עטליכע טרעפ אינמיטן דעם לאנגן שיפען וועג

# הויפּט שאָסייען אין קרית יואל איבערגעפּלאַסטערט דורך ראָוד אויל מעטאָד

קרית יואל איינוואוינער האָבן זיך פאַרגאַנגענעם מאָנטאָג צופרי, אַ טאָג פאַר ערב יום הקדוש, דערזען מיט אַ סורפּרייז, די הויפּט שאָסייען, עיקרס ראָוד און בעיקערטאון ראָוד, זענען געווען באַדעקט מיט שטיינדלעך, פאָרענדיג דערויף האָט זיך געהויבן אַ הויכן שטויב און דאס דרייוון דערויף האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגן גערודער.

אַלזאָ, וואָס באַדייט דאָס? די רעדאַקציע פון די הקריה האָט געמאַכט עטליכע אָנפראַגן ביים ווילידזש פּאָבליק וואָרקס דעפּאַרטמענט און האָבן געהערט דעם ענטפער.

די שאָסייען אין קרית יואל ווערן אויפגעהאַלטן דורך די טאַון הייוועי דעפּאַרטמענט מיט וועמען קרית יואל האָט אַ יערליכן קאָנטראַקט, אַלס טייל פון די שאָסיי אויפהאַלטונג אַרבעט טוט מען דאָס צייטנווייז באַגיסן מיט אַ שיכט פון רינענדיגע אַספאַלט, (דאָס איז שוואַרצע דיקע אויל וואָס בלייבט איבער נאָכ'ן ארויסריפיינען אַלע לייכטערע און שיטערערע אוילן), און שטיינדלעך.

הויפּטזיכליך ווערט דאָס געטאָן בעפאָר ווינטער כדי צו פאַרשטאַרקערן דעם שאָסיי און דינט אַלס שיכטע אַז עס זאָל זיך נישט מאַכן קיין פּאַטהאָלס וועלכע מאַכט חרוב די שאָסייען.

די באַאַמטע באַמיען זיך דאָס צו טאָן מינימום איינמאָל אין צוויי יאָר ווארום דאָס שפּאָרט אַסאַך געלט אויף שאָסיי אויפהאַלטונג אָבער נישט אַלץ קען מען דאָס טאָן, צוליב די פראַגע פון כסף מנלן, די אויל און שטיינדלעך זענען נישט ביליג, הויפּטזיכליך ווענדט זיך די אויל קאָסטן אין די גלאָבאַלע פרייזן פון אַ פעסל אויל וועלכע איז יעצט ביי העכער $100 אַ פעסל.

דאָס לייגן די אַספאַלט אויל און שטיינדלעך ווערט גערופן "ראָוד-אוילינג", און דאָס איז אַ ביליגערע מעטאָד צו פאַרלענגערן דאָס לעבן פון אַ שאָסיי און אָפּשטופּן דעם נויט עס צו דאַרפן גענצליך איבערפלאַסטערן. דאָס אַראָפּליגן שטיינדלעך און אַספאַלט אויל קאָסט בלויז אַ פערטל ווי גענצליך איבערפלאַסטערן אַ שאָסיי, און געווענליך קויפט מען זיך דערמיט צייט פון דריי-פיר יאָר וואָס מען דאַרף נישט איבערפלאַסטערן דעם שאָסיי.

אַן אַספאַלט שאָסיי איז אַ לעבעדיגע זאַך, עס איז פלעקסיבל און איז געמאַכט זיך צו קענען איינציען און אויסציען מיט די ווירקונגען פונעם וועטער און זיך נישט שפּאַלטן נאָר בלייבן גאַנץ, דאָס איז די געוואַלדיגע מעלה פון אַ געפלאסטערטן שאָסיי, אָבער מיט די יאָרן ווערט די אַספאַלט פאַרהאַרטעוועט און אָפּגענוצט און עס פאַרלירט איר בויגזאַמקייט און דאַן נעמט זיך דאָס ברעקלען און שפּאַלטן.

די הויפּט חסרון איז אַז ווען עס מאַכט זיך אַ שפּאַלט גייט אַריין דערינען וואַסער, און אין ווינטער ווערט די וואַסער פאַרפרוירן און אייז ברייטערט זיך אויס און עס צוברעכט דעם שאָסיי פון אונטן, און דאַן ווען עס לאָזט זיך אויף טרעפט מען זיך איבערנאַכט מיט אַ ריזיגן פּאַטהאָל וואָס ווערט אַלץ גרעסער און ערגער.

דעריבער פּרובירט מען צו פאַרלענגערן דעם לעבן פון שאָסייען דורך ראָוד אוילינג, וואָס דאָס האָט מען געטאָן די וואָך אין קרית יואל.

מען האָט אָפּגעגעבן אַ דאַנק פאַר די מאָטאָריסטן וועלכע האָבן זיך נישט באַקלאָגט טראָץ די אומבאַקוועמליכקייט וואָס דאָס איז געווען פאַרנומען. איצט ווען די שורות ווערן געשריבן איז נאָך דאָ אַ שטויב און גערודער, אָבער ביז אַ וואָך צייט ווערן די שטיינדלעך אַראָפּגעטראָטן, און מען נוצט די וועקיום טראָקס אויפצוקערן אַלע איבערגעבליבענע לויזע שטיינדלעך און דאַן דערקענט זיך נישט וואָסערער איבערקערעניש עס איז וואָכן צוריק געווען מיט די שטיינדלעך און דער ראוד שטייט גרייט צו סערווירן די רייזענדע



פרישע פּעך און שטיינער ווערט געגאסן איבערצופלאַסטערן די צענטראַלע ראודס אין קרית יואל






## אינפאַרמאַציע און באַריכטן פון סאָשעל סעקיוריטי דעפּאַרטמענט

### עס. עס. איי. פּראָגראַם העלפט עלטערע אָדער דיסעיבלד מענטשן מיט צוגאַבליכע בענעפיטן אויסער סאָושעל סעקיוריטי פּענסיע טשעקלעך

ווי באַקאַנט איז דאָ דער סאָושעל סעקיוריטי פּראָגראַם אין וועלכע יעדער עלטערער מענטש אין אַמעריקע, אָרעם צי רייך, וועלכער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געאַרבעט און האָט געצאָלט סאָושעל סעקיוריטי פעיראָל שטייערן, באַקומט אויף די עלטערע יאָרן אַ פּענסיע פון די רעגירונג, די רעגירונג שיקט אים אַ טשעק, געוואָנדן לויט וויפיל ער האָט איינגעצאָלט אינעם סיסטעם, דאָס באַקומט יעדער אַרבעטער אָפּגעזען וויפיל מען פאַרדינט.

אַ באַזונדערער פּראָגראַם איז אָבער דער עס. עס. איי. פּראָגראַם, וואָס רופט זיך סופּלעמענטאַל סעקיוריטי אינקאָם, און איז געצילט צו העלפן עלטערע אָרימע מענטשן אָדער דיסעיבלד מענטשן אָדער בלינדע, וואָס די רעגירונג שיקט זיי אַ הילף טשעק יעדן מאָנאַט צו קענען לעבן און נישט לעבן אין אָרעמקייט און אין נויט.

דער עס. עס. איי. פּראָגראַם ווערט אָנגעפירט דורך די סאָושעל סעקיוריטי אַדמיניסטרעישאָן, און איז ספּעציעל געצילט צו העלפן אָרימע מענטשן וואָס קענען "דורכפאַלן דורך די שפּאַלטענס" ווי מען רופט דאָס און נישט באַקומען די נויטיגע רעגירונג הילף.

דער עס. עס. איי. פּראָגראַם איז אַ רעגירונגס הילף פּראָגראַם וואָס ווערט געצאָלט פון די אַלגעמיינע רעגירונג קאַסע נישט פון די פּעיראָל שטייערן.

צו באַקומען עס. עס. איי. מוז מען זיין אַ נידריגער פאַרדינער און זיין העכער 65 יאָר, אָדער דיסעיבלד אָדער בלינד.

ביים רעכענען די פאַרדינסטן באַטראַכט די רעגירונג וויפיל מען פאַרדינט אין געהאַלטן, סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן און פּענסיעס. אָבער מען רעכענט נישט אַריין טייל פאַרדינסטן, צב"ש רעכענט מען נישט דאָס וואָס מען באַקומט פוד סטעמפּס אָדער "היעפּ".

די רעגירונג באַטראַכט אויך די פאַרמעגנס פונעם מענטש, צב"ש די הויז, בענק אַקאַונטס, קעש, סטאַקס, באַנדס. אַ מענטש מיט פאַרמעגנס נישט מער ווי $2,000 איז באַרעכטיגט צו עס. עס. איי. בענעפיטן, פאַר פאַרהייראַטע פּאָרפעלקער איז די מאַקסימום $3,000.

דיסעיבלד אָדער בלינדע מענטשן וואָס גיבן זיך איין פאַר עס. עס. איי. קענען אויך באַקומען אומזיסטע הילף זיי צו טרעפן אַ דזשאַב, אַריינגערעכנט קאַונסלינג, דזשאַב טרעינירונג און הילף צו טרעפן אַ דזשאַב.

די מאָנאַטליכע מאַקסימום פון עס. עס. איי. בענעפיטן איז $698 פּער פּערזאָן (עס איז די זעלבע אין גאַנצן לאַנד) און $1,048 פאַר אַ פאַרהייראַט פּאָרפאָלק. אָבער וויפיל מען באַקומט פאַקטיש ווענדט זיך אין פאַרשידענע פאַקטאָרן צב"ש: וואו מען וואוינט, די וואוינונג אַראַנדזשירונגען, און איינקונפט. טייל סטעיטס לייגן אויך צו הילף געלטער צום עס. עס. איי. טשעק שוין אויפ'ן פעדעראַלן טשעק.

### דיסעיביליטי בענעפיטן זענען נישט נאָר פאַר ערוואַקסענע

ווי באַקאַנט איז דאָ דער סאָושעל סעקיוריטי פּראָגראַם, אין וועלכע יעדער רעטייערטער אַמעריקאַנער באַקומט אַ רעגירונג פּענסיע, וואָס ווערט פינאַנצירט דורך די פּעיראָל שטייערן. דער סאָושעל סעקיוריטי פּראָגראַם צאָלט אויך פאַר יתומים און אלמנות, און אויך פאַר דיסעיבלד מענטשן.

אָבער כדי צו באַקומען דיסעיביליטי בענעפיטן מוז מען נישט זיין קיין ערוואַקסענער, אין טייל פעלער קענען אַפילו דיסעיבלד קינדער באַקומען בענעפיטן פון די סאָושעל סעקיוריטי אַדמיניסטראַציע. סיי דורכ'ן עס. עס. איי. פּראָגראַם און סיי דורכ'ן סאָושעל סעקיוריטי פּראָגראַם.

אויב מען האָט אַ דיסעיבלד קינד אין שטוב און די פאַמיליע פאַרמאָגט מאָגערע פאַרדינסטן און ווייניג פאַרמעגנס קען דאָס קינד זיין באַרעכטיגט צו עס. עס. איי. דיסעיביליטי בענעפיטן.

צו קוואַליפיצירן פאַר עס. איי. דיסעיביליטי בענעיפטן מוז מען נאָכקומען די פאָלגענדע פאָרשריפטן.

1) דאָס קינד מוז זיין אונטער 18 יאָר.

2) נישט אַרבעטן און פאַרדינען מער ווי $1,010 פּער מאָנאַט (דאָס טוישט זיך יערליך).

3) האָבן אַ פיזישע אָדער גייסטישע באַגרעניצונג צושטאַנד.

4) האָבן אַ צושטאַנד וועלכע האָט שוין אָנגעהאַלטן אָדער איז ערוואַרט אָנצוהאַלטן פאַר מינימום 12 מאָנאַטן.

ווי נאָר דאָס קינד ווערט 18 יאָר טוישט זיך די דיסעיביליטי בענעפיטן פון אַ קינד סטאַטוס צו אַן ערוואַקסענעם סטאַטוס, אָבער די בענעפיטן האַלטן אָן.

באַזונדערס, אַ קינד וועלכע איז געווען דיסעיבלד בעפאָר די 22 יאָר קען אויסער די עס. עס. איי. דיסעיביליטי בענעפיטן באַקומען סאָושעל סעקיוריטי דיסעיביליטי בענעפיטן אונטער'ן רובריק פון אַ "דיסעיבלד עדאָלט טשיילד".

כדי צו קוואַליפיצירן דערצו מוזן די עלטערן באַקומען סאָשעל סעקיוריטי רעטייערמענט אָדער דיסעיביליטי בענעפיטן, אָדער מוזן די עלטערן זיין געשטאָרבן, אָדער האָבן געאַרבעט גענוג לאַנג צו זיין באַרעכטיגט פאַר סאָושעל סעקיוריטי רעטייערמענט בענעפיטן.

אין אַנדערע ווערטער, פאַר אַ דיסעיבלד פּערזאָן פון אונטער 22 יאָר, וועלכער באַקומט שוין עס. עס. איי. דיסעיביליטי בענעפיטן, וועלכער וויל באַקומען אויך סאָושעל סעקיוריטי דיסעיביליטי בענעפיטן, קען דאָס נאָר זיין אויב די עלטערן זענען באַרעכטיגט צו סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן.

### פראַגע: איך פּלאַן בקרוב צו רעטייערן, ווען ווערן די סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן געצאָלט?

ענטפער: סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן ווערן געצאָלט יעדן מאָנאַט, אין אַלגעמיין באַקומען נייע רעטייערטע זייערע בענעפיטן אָדער דעם צווייטן אָדער דעם דריטן אָדער פערטן מיטוואָך פון יעדן מאָנאַט געוואָנדן אויף זייער געבורטסטאָג. אויב איר באַקומט בענעפיטן דורך אייער פרוי, (אָדער אַ פרוי וואָס באַקומט דאָס דורכ'ן מאַן), ווערט דאָס באַשטימט דורך אייער פרוי'ס געבורטסטאָג.

צב"ש:

אַז איר זענט געבוירן געוואָרן פונעם ערשטן ביז'ן צענטן אינעם מאָנאַט באַקומט איר דאָס דעם צווייטן מיטוואָך פונעם מאָנאַט.

אַז איר זענט געבוירן געוואָרן פונעם 11'טן ביז'ן 20'טן אינעם מאָנאַט באַקומט איר דאָס דעם דריטן מיטוואָך פונעם מאָנאַט.

אַז איר זענט געבוירן געוואָרן פונעם 21'טן ביז'ן 31'טן אינעם מאָנאַט באַקומט איר דאָס דעם דריטן מיטוואָך פונעם מאָנאַט.

### פראַגע: מיין שכן, וועלכער איז רעטייערט, זאָגט מיר אַז די איינקונפט פון זיין פּאַרט-טיים דזשאַב ביי אַ לאָקאַלע גאָרטן פּאַרקויף פירמע ברענגט אים אַ העכערונג אין זיינע סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן, איז דאָס ריכטיג?

ענטפער: רעטייערטע וואָס גייען צוריק אַרבעטן נאָכ'ן אָנהויבן באַקומען בענעפיטן באַקומען טיילמאָל אַ העכערן בענעפיט, ווייל די סאָושעל סעקיוריטי אַדמיניסטרעישאָן רעכענט איבער וויפיל בענעפיטן דער מאַן דאַרף צו באַקומען לויט זיין פאַרגרעסערטן פאַרדינסטן רעקאָרד.

צו באַקומען מער אינפאָרמאַציע איבער וויאַזוי אַרבעטן נאָכ'ן רעטייערן אַפעקטירט אייער סאָושעל סעקיוריטי בענעפיטן פאַרלאַנגט דעם ביכל גערופן How Work Affects Your Benefits פון די סאָושעל סעקיוריטי אַדמיניסטראַציע אָדער אייער לאָקאַלער סאָושעל סעקיוריטי אָפיס.

ונשמרתם מאד לנפשותיכם:

# נייע סטאַפּ-לייט איינגעשטעלט אינמיטן עיקערס ראָוד ביים ווינקל פון לעמבערג גאַס

מיט גרויס צופרידנהייט האָבן די פילצאָליגע איינוואוינער פון די לעמבערג גאַס און אלע ארומיגע גאסן, אויפגענומען די פאזיטיווע אַנטוויקלונג פאר די סעיפטי פון די שטאט בעז"ה, מיט דעם וואָס מען האָט אינסטאָלירט אַ נייעם סטאַפּ-לייט אויף עיקערס ראָוד ביים ווינקל פון די לעמבערג גאַס.

ווי נאָר די לעמפּלעך גייען אַריין אין קראַפט, וועט דאָס זיין אין פאָרעם פון בליטשקענדיגע רויטע לעמפּ וועלכע האָט דעם זעלבן באַדייט ווי אַ רויטן סטאַפּ סיין, און די קאַרס וואָס פאָרן אויף עיקרס ראָוד אויףביידע ריכטונגען וועלן ביי דעם סטאַפּ-לייט מוזן מאַכן אַ פול-סטאַפּ פאַר'ן ווייטער פאָרן.

שוין לאַנג וואָס מען איז אין די ווילידזש אָפיסעס געקומען צום באַוואוסטזיין אַז עס פעלט זיך אויס אַ געהעריגע סטאַפּ-לייט ביים ווינקל פון די לעמבערג גאַס און עיקרס ראָוד, וואָרום די לעמבערג גאַס איז באַוואוינט מיט צענדליגער איינוואוינער וועלכע האָבן נישט קיין שום געהעריגע געלעגנהייט אַריבערצוגיין די עיקרס ראָוד גאַס.

עיקרס ראָוד איז אַ הויפּט פאַרנומענע גאַס פון שטאָט וואו אויטאָס פאָרן מיט אַן איבערגעטריבענע שנעלקייט, און עס איז כמעט אוממעגליך פאַר פרויען מיט קערידזשעס און קליינע קינדער דורכצוגיין די גאַס, ספּעציעל ווייל ביים שטיין אויפ'ן זייט פון לעמבערג ראָוד איז שווער צו זען גענוג ווייט פון ביידע ריכטונגען צי עס קומט אָנצולויפן אַן אויטאָ.

דאָס האָט געפירט צומאָל צו אַ צושטאַנד פון סכנת נפשות און פוסגייער וועלכע האָבן געוואָלט דורכשפּרייזן די גאַס האָבן געמוזט דורכלויפן מיט די נשמה אין די האַנט און עס איז שיר געקומען צו עקסידענטן ה"י.

ספּעציעל האט אויפגעשוידערט דער אינצידענט פאַר עטליכע וואָכן צוריק אין וועלכע אַ זיבן יעריג קינד איז רח"ל אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן דורך אַ גויאישן טעקסי דרייווער, צו-מזל איז דאָס קינד אָפּגעקומען מיט לייכטע וואונדן און אַ גרויסער אומגליק רח"ל איז ב"ה פאַרמיטן געוואָרן.

שוין אַ יאָר צוריק האָט מען אינעם ווילידזש אַדמיניסטראַציע גענומען אן אינדזשעניר און זיך גענומען אַרבעטן אויף אינסטאָלירן דעם סטאַפּ-לייט, אָבער ווי ביי יעדעס מאָל וואָס מען דאַרף אָנקומען צו די ביוראָקראַטיע פון אַנדערע אינסטאַנצן האָט זיך דאָס פאַרצויגן, איצטערט פאַר עטליכע וואָכן צוריק האָט מען אינסטאָלירט דעם סטאַפּ-לייט, און עס קען זיין אַז ווען די ליינער וועלן ליינען די שורות וועט דער סטאַפּ-לייט שוין זיין אין באַנוץ.

אויף די פראַגע פון איינוואוינער פאַרוואָס עס האָט גענומען עטליכע וואָכן פון ווען די לעמפּ זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן ביז זיי גייען אַריין אין באַנוץ, האָט מען פונעם ווילידזש אָפיס ערקלערט ווי פאָלגענד:

כדי צו קענען אַריינשטעלן די סטאַפּ לעמפּ אין באַנוץ, האָט מען געמוזט געהעריג אָפּפאַרבן דעם שאָסיי אויף עיקרס ראָוד, אָנצוצייכענען גענוי דעם שטריך וואו די אויטאָס דאַרפן זיך אָפּשטעלן און מאַכן אַ פול-סטאַפּ און וואו עס איז דער וואָלקוועי פאַר די פוסגייער, דאָס וואָלט מען שוין באַלדיג געטאָן, אָבער מען האָט זיך געמוזט רעכענען מיט אַן אַנדערן אַנטוויקלונג.

די טאַון אָוו מאָנראָ האָט געמאָלדן אַז זיי גרייטן זיך יעצט, אויפן פאַרלאַנג פונעם ווילידזש, איבערצופלאַסטערן די הויפּט שאָסייען פון קרית יואל, נעמליך בעיקערטאַון, און עיקערס ראָוד, מיט אַ שיכטע פון פליסיגע אַספאַלט און שטיינדלעך געגאָסן דערויף, דאָס ווערט געטאָן בעפאָר ווינטער כדי צו פאַרשטאַרקערן דעם אויבערפלאַך פונעם שאָסיי און רעדוצירן די מעגליכקייט אַז פּאַטהאָלס זאָלן זיך פאָרמירן.

היות די טאַון האָט געפּלאַנט דאָס צוטאָן איצט אין די וואָכן האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז עס וואָלט געווען אַרויסגעוואָרפן צייט און געלט צו פאַרבן דעם שאָסיי און אַז גלייך נאָכדעם זאָל דאָס באַדעקט ווערן מיט די אַספאַלט און שטיינער, דערפאַר האָט מען אויסגעוואַרט ביז די טאַון אָוו מאָנראָ טוט די אַרבעט, וואָס איז טאַקע פאָרגעקומען דינסטאָג, אַ טאָג פאַר ערב יום הקדוש. (ליינט באזונדערע נייעס דערוועגן).

איצט האָט מען געדאַרפט צוואוואַרטן ביז די אויטאָס טרעטן אַראָפּ די שטיינדלעך, און דאַן נוצן די וועקיום טראָקס אויפצוקערן די איבריגע שטיינדלעך, און דאַן האָט מען ערשט געקענט אָפּפאַרבן דעם שאָסיי מיט די נויטיגע שטריכן און באַצייכענונגען, און דאַן האָבן די לעמפּ געזאָלט אַריינגיין אין קראַפט.

עס קען טאַקע זיין אַז ווען די שורות ווערן שוין געליינט ווערן וועט דער נייער סטאַפּ-לייט אויף עיקרס ראָוד ביי לעמבערג שוין זיין אין קראַפט.

*

עס איז איבריג אָנצוזאָגן פאַר דרייווערס דאָ אין שטאָט וואָס דער רויטער בליטשקענדיגער סטאַפּ-לייט באַדייט, נעמליך אַ פול-סטאַפּ, דאָס איז דער געזעץ, און אויך דער חיוב מן התורה אַלס ונשמרתם מאד לנפשותיכם.

עס פעלט זיך אויס אָנצוואוואָרענען אַז מען מוז געבן דעם פולסטן רעכט פון וועג פאַר פוסגייער, דאָס איז אַ זאַך וואָס ווערט ליידער פאַרנאַכלעסיגט ביי פילע פאַרנומענע שאָסיי צוזאַמטרעפונגען אין די שטאָט.

מען דאַרף אָנערקענען אַז סיי געזעצליך, סיי תורה'דיג און סיי מאָראַליש קומט דער ערשטער רעכט פונעם וועג פאַר די שוצלאָזע פוסגייער, און די וואָס זיצן אין די פאַרמאַכטע וועגענער באַשיצט פון רעגן קעלט און היצן, זאָלן רואיג אויסוואַרטן די פאָר סעקונדען און לאָזן די פוסגייער פרידליך גייען זייער וועג אָן אַ סכנה און אָן דאַרפן זיך אומקוקן פון אַלע זייטן צי מען קלאַפּט זיי נישט אַראָפּ.

דער נייער סטאַפּ-לייט וועט אויך דינען אַלס באַזונדערע מעלה, צו דערמאַנען די מאָטאָריסטן אין קרית יואל אַז מען דאַרף זיך פאַרשטאַטערן, און אַז עיקרס ראָוד און פאַרעסט ראָוד זענען נישט קיין אינטערסטעיט שאָסייען אויף וועלכע מען דאַרף פאָרן מיט אַ ווילדקייט אויף 50 מ.פ.ש. און מער, וואָרום עס איז סכנת נפשות. די סטאַפּ לעמפּ וועלן דינען צו פאַרשטאַטערן די מאָטאָריסטן, און אַזוי וועט מען זיך שפּאָרן פילע טיקעטס פון די סטעיט פּאָליציי וועלכע ווייסן אַז די שאָסייען זענען אַ פרוכטבאַרע ערד צו כאַפּן ספּידערס.



די טרעפיק לייטס הענגען העכערן ראוד, די ראודס ווערט שוין אנגעצייכענט, אט אט גיי עס שוין אריין אין באנוץ



בשעת מען אינסטאלירט די זוילן פאר דעם טרעפיק סטאפ לייט אויף עיקערס ראוד


VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reizman

-פובליק ווארקס דעפארטמענט-

בקשה ואזהרה!

אזוי ווי עס ווערן געהאנגען הונדערטער פלאקאטן אויף די גאסן, און עס לאזט איבער א געוואלדיגע שמוץ, וואס שטערט די ריינקייט און ארדענונג אין שטאט

**דעריבער מעלדן מיר אז עס איז נישט ערלויבט צו הענגען פלאקאטן אויף די גאסן, ספעציעל אויף סטאפ-סיינס אדער טרעפיק סיינס, אזוי אויך אויף ביימער וואס ס'מאכט שאדענס**

**אלע פלאקאטן וואס וועלן געהאנגען ווערן אין די גאסן וועלן אראפגענומען ווערן אין דעם זעלבן טאג**

מיר בעטן די אלע וואס מאכן פארטיס, מסיבות, פארזאמלונגען אדער סעילס, זאלן ביטע צו קענטעניס נעמען!

מיט דאנק

**די פובליק ווארקס דעפארטמענט**


# פּאָבליק סעיפטי באַאַמטע שטייען אויף די וואַך יעדן מוצ"ש צו פאַרהיטן קעגן וואַנדאַלן

שוין אַ לאַנגע צייט וואָס די איינוואוינער באַמערקן וואו די אויטאָס פונעם פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט שטייען יעדן מוצ"ש סטאַנציאָנירט ביי סטראַטעגישע פונקטן אין די שטאָט און בליטשקען מיט די לעמפּלעך.

אויף די פראַגע וואָס דאָס באַדייט האָט זיך די רעדאַקציע פאַרבונדן מיט'ן באַגאַבטן פירער פונעם פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט ר' משה לייב וויטריאָל הי"ו און געבעטן אַן ענטפער.

עס שטעלט זיך אַרויס אַז דאָס איז אַ טייל פון אַ פּשוט'ע מיסיע, נעמליך פאַרהיטן די איינוואוינער פון שטאָט פון גויאישע וואַנדאַלן וואָס פאָרן פאַרביי אויף די הויפּט גאַסן און שאַפן איבערקערענישן.

מוצ"ש איז ביי אידן אַ געהויבענער זמן, מען איז נאָרוואָס אַרויס פונעם געהויבנקייט פון שב"ק, מען גייט נאָך בבגדי שב"ק און מען רעכט אָפּ אַ מלוה מלכה, מען פאַלט אַריין אינעם וואָכעדיגקייט ערשט זונטאָג צופרי.

להבדיל ביי די גוים איז דער שב"ק אַ ענדע וואָך טאָג וואָס מען אַרבעט נישט, און די גוים פאַרוויילן און ווילדעווען אַרום, דער קלימאַקס פון די ווילדעווערייען איז מוצ"ש וואָס דאַן איז דער פאַרנומענסטער זמן פאַר געזעץ היטער אַגענטורן אינעם גאַנצן לאַנד, ווייל מוצ"ש זענען די גויאישע יוגענטליכע שוין טאָטאַל פאַרטייבט און פאַר'שיכור'ט פון די הוליערייען פון אַגאַנצן טאָג און עס מאַכט זיך פאַרשידענע מהומות.

דאָהי אין קרית יואל האָבן זיך געמאַכט אינצידענטן אין וועלכע ווילדע גויאישע יוגענטליכע האָבן אויסגענוצט דאָס רואיגקייט פון די שטאָט, און פלעגן אַרומפאָרן אויף די הויפּט גאַסן מאַכן טומלערייען, און אַרויסשרייען פון די אויטאָס ווילדע לאָזונגען קעגן אידן, דערשרעקנדיג פרויען און קינדער, און צומאָל פלעגן זיי אויך וואַרפן אָביעקטן.

דעריבער, כדי דאָס צו פאַרמיידן, שטעלט די פּאָבליק סעיפטי אַראָפּ יעדן מוצ"ש אירע אויטאָס ביי די הויפּט שאָסייען אין די שטאָט, און דייקא מיט בליטשקענדיגע לעמפּלעך, דאָס איז געצילט צו שיקן אַ מעסעדזש פאַר די פאַרטייבטע גוים, אַז דאָהי איז נישט קיין געראָטן אָרט צו מאַכן טומלערייען, ווייל דאָס וועט זיך ביי זיי ענדיגן מיט אַן אומגעפלאַנטן באַזוך אין די לאָקאַלע פּאָליציי סטאַנציעס.

תושבי קרית יואל זענען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר'ן ווילידזש פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט פאַר'ן זיך אונטערנעמען דעם וויכטיגן אינציאַטיוו, וואָס קאָסט אָפּ צייט געלט און מיה, כדי צו פאַרמיידן עגמת נפש און איבריגע שרעק ביי די צענדליגער תושבי קרית יואל וואָס אַ חלק ניכר פון זיי באַשטייט פון פרויען און פּיצלעך קינדער וואָס ווערן גרינג איבערגעשראָקן פון די ווילדע וואַנדאַלן.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# ימים טובים סקעדזשועל
# פון אונזערע באסעס

**תשע"ג**

### זונטאג ערב ר"ה
### Sept. 16

**לאקאלע רוט:**
פון 11:00 ביז 3:00

### מיטוואך צום גדלי'
### Sep. 19

**לאקאלע רוט:**
פון 11:00 ביז 5:30

**וואלמארט רוט:**
פון 11:15 ביז 7:15

**וואדבערי רוט:**
פון 11:15 ביז 5:30

ביז 2:00 אזייגער וועט זיין בלויז 1 באס
פאר וואלמארט און וואדבערי רוט נאר אין שטעטל

### דינסטאג ערב יוה"ק
### Sep. 25

**נישטא קיין טראנספארטאציע סערוויס**

### דאנערשטאג
### Sept. 27

**לאקאלע רוט:**
פון 11:45

**וואלמארט רוט:**
פון 2:00

**וואדבערי רוט:**
פון 11:30

**די רוטס וועלן זיך ענדיגן אויפ'ן רעגולער סקעדזשועל**

### זונטאג ערב סוכות
### Sept. 30

**לאקאלע רוט:**
פון 11:00 ביז 5:00

### מיטוואך, דאנערשטאג חוה"מ
### Oct. 3,4

**לאקאלע רוט:**
פון 1:00 ביז 7:00

### פרייטאג חוה"מ
### Oct. 5

**לאקאלע רוט:**
פון 11:00 ביז 3:00

### זונטאג הושענא רבה
### Oct. 7

**נישטא קיין טראנספארטאציע סערוויס**

### מיטוואך נאך יום טוב (אסרו חג)
### Oct. 10

**לאקאלע רוט:**
פון 11:45

**וואלמארט רוט:**
פון 2:00

**וואדבערי רוט:**
פון 11:30

**די רוטס וועלן זיך ענדיגן אויפ'ן רעגולער סקעדזשועל**

**נ.ב. אין די נישט געווענליכע טעג (צ.ב.ש. אין די ימים טובים צייטן, חגאות, אדער ווען ס'איז דא טוישונגען אין די סקול טראנספארטאציע), איז ראטזאם אריינצורופן צום ווילידזש טראנספארטאציע ליין, 783-8300 Ext. 1-4-2 צו הערן צו די באס סקעדזשועל איז אויף די האלידעי סקעדזשועל**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

געדענקט: ווען איר קויפט א טיקעט-בוך באקומט איר די ביליגסטע פרייזן

# היים מיט 15 פאַמיליעס האָט שיעור עקספּלאָדירט פון גאַז ליעק

די מצילי אש פייער רעטונג אַגענטור שפּירט פאַר וויכטיג צו באַריכטן פאַר די קרית יואל'ער איינוואוינער אַ שוידערליכע געשיכטע וועלכע וואָלט זיך געקענט ענדיגן מיט אַן ערנסטע קאַטאַסטראָפע רח"ל.

עס איז געווען אַ פרייטאָג צונאַכטס, אין די לעצטע וואָכן, ווען די מצילי אש האָט אַריינבאַקומען אַ רוף פון אַ היים, אַז עס שמעקט פון גאַז, מען האָט גלייך אַראָפּגעשיקט די מצילי אש גוים וועלכע זענען אין דינסט אום שב"ק, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן מיט'ן פייער טראָק.

אַריינקומענדיג אין די היים זענען די גוים פערשטוינט געוואָרן, די היים איז געווען אָנגעפילט מיט גאַז אַזש אַז די פייערלעשער האָבן געמוזט גלייך ארויסלויפן כדי נישט דערשטיקט צו ווערן פונעם גאַז און האָבן געמוזט אָנטאָן די לופט אָטעמען טאַנקען און אַזוי אַריינגיין אין די דירה און פאַרלעשן דעם גאַז קראַן.

די גאַז קאָנצענטראַציע אין די דירה איז געווען אַזוי געפּאַרפול הויך, אַז ביים אַריינגיין אין די דירה האָט מען בחוש געזען די דיקע טונקעלע וואָלקענעס פון גאַז שוועבן אין די דירה, דאָס הייסט אַז מען האָט געהאַלטן סעקונדען אַוועק פון אַ מאַסיוון אומגליק.

ווען די גאַז קאָנצענטראַציע אין אַ דירה ערגרייכט ביי 14 פּראָצענט, איז דאָס שוין גענוג צו ברענגען אַן אויפרייס, דאָס מיינט אַז אויב ערגרייכט די גאַז דאַן אַ פונק פייער פּאַסירט אַ באָמבע אויפרייס במלוא מובן המלה, ווען עס פּאַסירט אַזאַ אויפרייס קען אַ גאַנצע געביידע זיך צוזאַמליגן פלאַך און אָפּברענען אין פייער, דאָס איז אַ זאַך וואָס מען הערט אין אַמעריקע טאָג טעגליך.

די היים אין וועלכע די געשיכטע האָט פּאַסירט געפינט זיך אין אַן אַפּאַרטמענט געביידע מיט 15 משפחות און מען וויל אפילו נישט טראַכטן וואספארא שרעקליכער אומגליק עס וואָלט געקענט פּאַסירן און פון וואָס מען איז בחסדי השם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

ווען מען האָט אָפּגעשלאָסן די גאַז און אויסגעלופטערט די דירה און זיך גענומען אַכפּאָרשן וואָס דאָ גייט פאָר האָט מען אַנטדעקט וואָס עס האָט געברענגט דעם מאַסיוון גאַז ליעק.

דער דירה אייגענטומער האָט פרייטאָג נאָכמיטאָג איינגעשאַלטערט אַ נייעם גאַז רעינדזש, און האָט זיך געוואָלט שפּאָרן געלט דערפאַר האָט ער געמאַכט אַן אייגענע היימישע גאַז קאַנעקשאַן, ער האָט אויך גענומען זיין בחור'ל צו הילף און אַזוי האָבן די ביידע 'מעכאַניקער' צוזאַמגעשטעלט דעם גאַז פאַרבינדונג און אַריינגעשטעלט דעם גאַז רעינדזש אין דינסט.

ווי פאַרשטענדליך איז די גאַז פייפ פאַרבינדונג נישט געווען גוט געמאַכט און עס האָט מאַסיוו געשטראָמט גאַז אַריין אין די דירה, טאַקע נישט ווייט פונעם פלאַם פונעם גאַז רעינדזש וואו דער טשולענט האָט זיך געוואַרעמט און נישט ווייט פון די שב"ק ליכט.

עס איז מאָדנע, אָבער איז אַ פאַקט וואָס מען האָט שוין אָבזערווירט מערערע מאָל, אַז ווען מענטשן געפינען זיך לאַנג אויסגעשטעלט צו אַ גאַז ליעק שפּירן זיי שוין נישט דעם גאַז גערוך און ווייסן שוין נישט אין וואספארא געפאַר זיי געפונען זיך, די נאָז ווערט אומסענסיטיוו צו דעם גערוך און דערשפּירט דאָס שוין נישט.

די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט האָט דאָס שוין מערערע מאָל אָבזערווירט ביים גערופן ווערן צו גאַז ליעק קאָלס אין וועלכע די שכנים האָבן זיך שוין געשטיקט ממש פונעם גאַז גערוך, און די גערוך אינעם דירה פונעם גאַז ליעק איז געווען נישט אויסצוהאַלטן אָבער די איינוואוינער דערינען האָבן דאָס נישט געשפּירט און האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג אַז זיי האָבן אַ גאַז ליעק ביי זיך.

די אונטערשטע שורה פון די געשיכטע איז צו געדענקען אז אַ גאַז ליעק פּאַסירט נישט ספּאָנטאַן פון זיך אַליינס, עס איז געווענליך ווען מען מאַכט אייגענע גאַז קאָנעקשאנס, און דאָס איז סכנת נפשות ממש און אַ שפּיל מיט פייער, דעריבער זאָל מען זיך נישט זוכן צו שפּאָרן די פּאָר דאָלאַר וואָס עס קאָסט צו רופן אַ פּראָפעסיאָנאַל דאָס צוטאָן, נאָר מען זאָל רופן אַ פלאָמבער אָדער אַ פאַרלעסליכן בעל מלאכה צו מאַכן דעם גאַז קאָנעקשאָן, און זיכער מאַכן אַז יענער פּראָבירט דאָס נאָכדעם אויס דורך שפּריצן מיט אַ זייף-באָבל שפּריצער זיכער צו מאַכן אַז עס איז נישטאָ קיין גאַז ליעק.

# פייערלעשער שבת גויים באַוואונדערן רואיגקייט פון שבת אין שטאָט קרית יואל

די רואיגקייט און הייליגקייט וואָס הערשט שב"ק דאָ אין די שטאָט קרית יואל באַוואונדערט אפילו די גויים, דאָס האָט מען געהערט פון די גויאישע פייערלעשער וואָס דינען דאָהי אין קרית אום שב"ק צו זיין גרייט על כל צרה שלא תבא.

די גויים באַוואונדערן דעם רואיגקייט און הערליכקייט פונעם שבת אַזש אַזוי אַז ווען עס קומט אַריין אַ פייער קאָל זענען זיי העכסט צופרידן צו כאַפּן אַ רייזע אין שטאָט אַריין כדי צו קענען זען דעם הערליכן בילד וויאַזוי אידן רעכטן אָפּ אַ שבת.

# נישט נוצן קיין אָנגעצינדענע שוועבל אָדער אַ פלאַם צו זוכן פאַר גאַז ליעקס

דוכט זיך אַז דער קעפּל פונעם מעלדונג איז גענוג און קיינע ווייטערע ערקלערונגען פעלן זיך נישט אויס.

פיל מאָל מאַכט זיך אַז מען האָט אַ גאַז ליעק, מען שפּירט אַ גאַז גערוך, איז וויכטיג צו באַטאָנען אַז ביים אונטערזוכן פאַר אַ גאַז ליעק טוט מען דאָס ווי פאָלגענד, מען מישט אויס עטוואָס דישוואַשינג לאָושען אין וואַסער, און מען גיסט דאָס אַריין אַ שפּריצער, און מען שפּריצט אויפ'ן גאַז פייפ, דאָרטן וואו עס באבעלט איז קלאָר אַז עס איז דא אַ ליעק.

אָבער נוצן אַ ליכט, אַ שוועבל, אָדער אַ צינדער, צו זוכן פאַר אַ גאַז ליעק, איז אַ שפּיל מיט פייער און אַ געפערליכער לעבנס געפאַר, וואָרום ווען עס איז דאָ אַ גאַז ליעק באַדייט דאָס אַז דער גאַנצער לופט אַרום איז אָנגעלאָדעט מיט גאַז, און ווען מען צינדט אָן אפילו אַ קליינעם פלאַם קען דאָס אויפרייסן.

ווען עס איז פאַרהאַן אַ גאַז ליעק אין שטוב, און עס דערגרייכט ביי 14 פּראָצענט, דאָס מיינט אַז די לופט אין שטוב אַנטהאַלט 14 פּראָצענט גאַז, איז דאָס שוין פונקט גענוג אַז אפילו דער קלענסטער פונק אויפצורייסן אַ שריפה.

# אומפאָרזיכטיגקייט ביים קאָכן אויפ'ן פאָרטש פירט שיעור צו היים שריפה

דאָס אויפמערקזאַמקייט פון אַ וואַכזאַמען שכן האָט עטליכע וואָכן צוריק אָפּגעראַטעוועט אַ היים פון אָפּברענען, לויט אַ באַריכט וואָס די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט האָט איבערגעגעבן פאַר די רעדאַקציע.

עס האָט פּאַסירט עטליכע וואָכן צוריק אין די נאָכמיטאָג שעה'ן ווען עמיצער האָט אַריינגערופן מיט אַן עמוירדזשענסי רוף אינעם מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט זאָגנדיג אַז ער זעט אַ רויך קומען פון דעם פּאָרטש פון אַ היים וועלכע געפינט זיך אונטער אים אינעם טאָל. (דער רופער וואוינט הויך אויפ'ן באַרג פון וואו ער קען אַראָפּקוקן אויף מערערע הייזער).

אָנקומענדיג ביים אַדרעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי פאָלגענד, דער איינוואוינער ביי וועמען די שריפה האָט פּאַסירט האָט גענוצט אַ הויף קאָכן אַפּאַראַט זיך צוצוגרייטן אַ נאַכטמאָל, און האָט געגאסן קאָכן אויל אויפ'ן פייער כדי עס זאָל מער ברענען.

אינצווישן האָט ער געלאָזט דעם פייער גיין אויפ'ן פּאָרטש און איז אַריין אין שטוב, איבערלאָזנדיג דעם פייער אָן אויפזיכט. אינצווישן זענען די פלאַמען געוואָרן גרעסער און זענען געשטיגן אַלץ העכער און העכער און האָבן שוין אָנגעהויבן צולאָזן די סיידינג פונעם דירה און האָבן אָנגעצילט זייערע שאַרפע פיסקעס אויפ'ן אָנינג העכער'ן פּאָרטש.

אָט דאָס אַלעס האָט פּאַסירט אומבאַוואוסט און נאָר אַ דאַנק דעם וואָס אַ וואַכזאַמער שכן האָט באַמערקט דעם שוואַרצן רויך וואָס ציהט זיך פון יענעמס פּאָרטש און האָט גערופן די עמוירדזשענסי אויטאָריטעטן איז מען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַן ערנסטן אומגליק.

דעריבער דאַרף מען זיין געוואָרנט, און אַז מען קאָכט אינעם הויף אויף די אַפּאַראַטן דאַרף מען אַכטונג געבן נישט צו גיסן קיין אויל און אומזוניג העכער'ן דעם פייער וואָרום עס איז אַ געפאַר, און מען טאָר דעם פייער נישט פאַרלאָזן אָן אויפזיכט פון אַן ערוואַקסענעם אפילו פאַר עטליכע סעקונדען.

# מצילי אש וואָלונטירן גייען דורך רעגלמעסיגע אויסמאַטערנישן זיך צו שטאַרקן

יאָ איר גלויבט דאָס נישט, די מצילי אש וואָלונטירן ווערן רעגלמעסיג געפייניגט, מען פאַרזאַמעלט זיי אין אַ גרויסן זאַל און מען הייסט זיי לויפן אַהער און אַהין, שפּרינגען און טאַנצן ביז כלות הנפש ממש, ווילאַנג דער האַרץ קלאַפּט נישט ביי דאָפּעלט ווי דעם נאָרמאַלן ריטם שטעלט זיך דאָס נישט אָפּ.

נאָכמער איז דער וואונדער אַז דאָס איז נישט קיין געצווינגענע זאַך נאָר אַ וואָלונטירישע, צוויי מאָל אַ וואָך פאַרזאַמלען זיך די מצילי אש וואָלונטירן פאַר אָט די סאָרט אויסמאַטערנישן און טוען דאָס בחפץ לב, און פאָלגן אויס דעם דיריגאַנט וועלכער הייסט זיי טאַנצן און שפּרינגען וואו זיי וואָלטן ווען געווען צירקוס שפּילער.

אַלזאָ לאָמיר אייך ערקלערן, די מצילי אש אַגענטור האָט איינגעזען אַז עס פעלט אויס אַז די מיטגלידער זאָלן טאָן איבונגען, און מען האָט צוגעשטעלט אַן איבונגען פּראָגראַם פאַר די מצילי אש וואָלונטירן.

ווי פאַרשטענדליך דאַרפן די מצילי אש וואָלונטירן זיין פיזיש און גייסטיש אין א גוטן צושטאַנד, און זיין פעאיג זיך איבערצושטרענגען און נישט אַנידערפאַלן פאַרשמאַכט אָנע אָטעם, דערפאַר איז וויכטיג צו טאָן רעגלמעסיגע איבונגען וואָס שטאַרקן דעם האַרץ און ערמעגליכן עס זיך אָנצושטרענגען אָן דראַמאַטיש אַרויפטרייבן די האַרץ קלאַפּעניש ראַטעס.

די איבונגען ווערן געטאָן אין צוויי סעסיעס יעדע וואָך, ספּעציעל אויסגעשטעלט אַז אויב עמיצער האָט פאַרפאַסט איינע זאָל ער קענען נעמען די אַנדערע, און אַזוי טוט יעדער פון די וואָלונטירן איבונגען במשך 30 מינוט מינימום איינמאָל אַ וואָך.

די איבונגען ווערן געטאָן אינעם גרויסן זאַל פון די מצילי אש אַגענטור וואָס ווערט גענוצט פאַר פאַרזאַמלונגען און טרענירונגען, אונטער די אָנפירערשאַפט פונעם באַקאַנטן עקסערסייז צאַר דאָהי אין שטאָט, ר' משה מענדל שלעזינגער הי"ו, דער ערשטער חסידישער פּערסאָנעל טרעינער אין די וועלט, וועלכער האָט זיך שוין ערוואָרבן אַ רעפּוטאַציע.

אגב, ווי פילע ווייסן, מוז מען נישט זיין קיין מצילי אש וואָלונטיר צו געניסן פון די איבונגען, ר' משה מענדל פירט טעגליך אָן מיט פאַרשידענע עקסערסייז קלאַסן וואו ער הייבט דעם עולם אין די לופטן און לאָזט זיי איבער אָטעמלאָז, און העלפט די באַטייליגטע אַהיימצוגיין מיט וויניגער פונטן און פאַרמערטע ענערגיע שטאַפּלען.

# איבערדעקן גאַנצן האַט-פּלעיט מיט זילבער פּאַפּיר קען ברענגען געפאַר פון שריפה

אין ליכט פון מערערע אינצידענטן וואָס האָבן פּאַסירט מיט האַט-פּלעיטס אום שב"ק און יום טוב, האָט די מצילי אש אַגענטור געזען פאַר וויכטיג אויפצופאָדערן דעם עולם צו זיין גאָר פאָרזיכטיג ביים נוצן דעם "האַט-פּלעיט" שבת און יום טוב.

די וואָרענונג איז ספּעציעל אַקטועל יעצט ווען עס קומט יעצט פילע יום טוב טעג צוויי טעג נאָכאַנאַנד וואָס מען וועט נוצן דעם "האַט-פּלעיט" (אוודאי איז פיל בעסער און זיכערער עס אָנצושטעלן מיט אַ שבת זייגער אויף אַזוי אַז עס זאָל נישט גיין פאַר גאַנצע צוויי טעג).

אַנומעלט יאָרן צוריק, אין מיטל-נאַכט יום טוב איז אַריינגעקומען אַ רוף איבער אַ פייער גערוך אין די קיך פון אַ היים. אַ מצילי אש מיטגלידער איז אַריבערגעקומען אונטערזוכן וואָס דאָרטן טוט זיך.

נאָך אַן אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי פאָלגענד: דער איד האָט איבערגעדעקט דעם גאַנצן האַט-פּלעיט מיט אַ גרויסע שיכטע זילבער פּאַפּיר, און די זילבער פּאַפּיר האָט אָנגעזאַמעלט אונטער זיך אַ שטאַרקע היץ, וואָרום אַלומינום שטויסט צוריק היץ, און די היץ האָט גענומען שמעלצן די פּלאַסטיק הענטלעך פונעם "האַט-פּלעיט" און דאָס האָט אַרויסגעגעבן דעם פייער גערוך.

די לעקציע פון די געשיכטע איז אַז מען זאָל פאָרזיכטיג זיין און נישט צופיל באַדעקן דעם "האַט-פּלעיט" מיט זילבער פּאַפּיר. אוודאי איז די רעדאַקציע פונעם הקריה נישט אויסן צו פּסקנ'ען די הלכות וויאַזוי מען זאָל באַדעקן דעם "האַט-פּלעיט", און יעדער זאָל פרעגן זיין מורה הוראה, אָבער דאָס איז קלאָר אַז מען דאַרף באַדעקן מיט זילבער פּאַפּיר נאָר דעם "האַט-פּלעיט" אַליינס, און אויסדרוקליך נישט די פּלאַסטיק הענטלעך, ווייל עס איז אַ סכנה פון אַ שריפה.

# פּערזענליכע שילדערונג פונעם געפאַר פון גאַז ליעקס

כדי אונטערצושטרייכן דעם געוואַלדיגן געפאַר פון נוצן אַ פלאַם אויפצוכאַפּן אַ גאַז ליעק, וועלן מיר אייך ברענגען אַ לעבעדיגן שמועס מיט עמיצן וועלכער איז שיעור געווען אין סכנת נפשות פון אָט אַזאַ אינצידענט.

אָבער קודם אַ הקדמה: ווי פאַרשטענדליך איז נישט געשמאַק צו באַשרייבן אַ צרה וואָס האָט פּאַסירט מיט אַ איד, און ווי פאַרשטענדליך זענען מיר נישט אויסן צו געווינען אַ זאַפטיגן נייעס באַריכט אויפ'ן חשבון פון אַ צווייטן איד.

דער ציל פונעם באַריכט איז אָבער אינעם גייסט פון די וויכטיגע אָנווייזונגען אויף אַלע נויטיגע געביטן וואָס ווערן רעגלמעסיג אַראָפּגעברענגט אין די שפּאַלטענס פונעם הקריה אויסגאַבע, און איז אַ טעמע וואָס איז גאָר וויכטיג פאַר מענטשן מען זאָל נישט געשעדיגט ווערן, און איז בבחינת ווי דער רופא האָט אָנגעזאָגט דעם מענטש ער זאָל נישט טאָן וואָס יענער האָט געטאָן כדי שלא תמות כדרך שמת פלוני.

ווי פאַרשטענדליך איז דער ריכטיגער נאָמען געהיטן אין די רעדאַקציע, פאַר אונזער אַרטיקל וועלן מיר אים אָנרופן ר' זרח.

*

רעדאַקציע: אַ גוטן ר' זרח, עס איז אַ פרייד אייך צו זען, איר זעט שוין אויס פיל בעסער, די באָרד און פּיאות וואַקסן שוין צוריק, ממש אַ נייע צורה, פיל פאַרבעסערט געוואָרן.

ר' זרח: ברוך השם, מיר דאַנקען דעם באַשעפער פאַר אַלעמען, עס איז טאַקע געווען אַ שווערער דורכגאַנג, פאַר קיין שום איד נישט געוואונטשן, אָבער ברוך השם מען האַלט שוין דאָ. פון יעדע זאַך לערנט מען זיך אַ לעקציע, און איך וויל מיט דעם אינטערוויו דאָס פאַרציילן כדי מענטשן זאָלן זיך היטן און עס זאָל זיי נישט פּאַסירן דאָס וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט.

רעדאַקציע: נו אדרבה פאַרציילט די געשיכטע, וויאַזוי עס האָט פּאַסירט.

ר' זרח: עס איז געווען אַ מאָנטאָג נאָכמיטאָג, די גוי'טע האָט געוואַשן די שטוב און אַרויסגערוקט דעם גאַז רעינדזש און צוריקגערוקט, און איך האָב געשפּירט אַ גאַז ליעק, שוין לאַנג וואָס איך ווייס אַז איך האָב פּראָבלעמען מיט'ן גאַז פייפ, אָבער איצט האָב איך באַשלאָסן זיך אָפּצוגעבן דערמיט.

רעדאַקציע: וואָס האָט געברענגט דעם גאַז ליעק?

ר' זרח: מענטשן ווייסן נישט, אַסאַך מאָל אַז מען האָט צו אַ לאַנגען פייפ פונעם גאַז פייפ צום גאַז רעינדזש, דאַן טויג נישט, ווייל דער פלעקסיבל גאַז פייפ ווערט צי פארבויגן קען זיך דאָס שפּאַלטן און פאַראורזאכן אַ גאַז ליעק.

רעדאַקציע: נו וואָס האָט איר געטאָן?

ר' זרח: צום ערשט האָב איך געטאָן דעם רעגולערן פּראָצעדור, איך האָב אַריינגעלייגט זייף-וואַסער אין אַ ווינדעקס שפּריצער און זיך גענומען שפּריצן אויפ'ן גאַנצן פייפ זוכנדיג וואו עס באָבעלט, למעשה האָט אין ערגעץ נישט געבאָבעלט, און איך האָב נישט געקענט געפונען דעם ליעק, אָבער פּאָרט האָט געשמעקט פון גאַז און איך האָב געוואוסט אַז דער פייפ איז געשפּאָלטן און האָט אַ ליעק.

רעדאַקציע: נו וואָס האָט איר ווייטער געטאָן?

ר' זרח: דער גאַז רעינדזש איז שוין געווען האַלב אַריינגערוקט צום וואַנט, און איך האָב באַשלאָסן אַז אויב אַזוי לוינט צו פּרובירן צו נוצן אַ ליכט, איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט און זיך אריינגעבויגן מיט'ן קאָפּ אַריין אינעם הוילקייט צווישן דעם גאַז רעינדזש און די וואַנט זוכנדיג מיט'ן ליכט וואו עס וועט זיך מאַכן אַ פלעמעלע אויפ'ן פלעקסיבל גאַז פייפ וואָס מיינט אַז אָט דאָרטן איז דאָך דער גאַז ליעק.

רעדאַקציע: טאַקע פּשוט, נו וויאַזוי האָט זיך דער עקספּערימענט אויסגעאַרבעט?

ר' זרח: (שמייכלט זיך אונטער) פיל אַנדערש ווי געפּלאַנט, נאָך פאַר איך האָב געקענט קלערן האָט פּלוצים אויפגעפלאַמט אַ ריזיגער פלאַם אין מיין פּנים אַריין, אַ בליציגער ליכט האָט באַלויכטן מיינע אויגן. דער גאַנצער אָרט האָט זיך גענומען ברענען און דער פייער האָט זיך גענומען קריכן אויף מיין געזיכט.

רעדאַקציע: אוי רחמנא ליצלן, אפילו צו הערן דערפון ווערט מען דערשוידערט.

ר' זרח: יאָ, געגוי אַזוי, עס איז אַ זאַך וואָס זאָל זיך ביי קיינעם נישט אָפּשפּילן, הכלל איך האָב געשריגן קולי קולות, מיין ברודער אַ בחור'ל איז געקומען אריינצולויפן אין קיך און איז דערציטערט געוואָרן, ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן, זאָל מען רופן הצלה, פייערלעשער, קלאַפּן מיט אַ האַנטוך. ביזדערווייל זענען די צינגען פייער געקראָכן ווייטער און דערגרייכט די אויגן ברעמען און די אויגן לעפלעך.

איך האָב געשריגן צו אים, ניין ניין, נישטאָ קיין צייט פאַר דעם, נעם זיך קלאַפּן, און אַזוי איז געווען, דער ברודער האָט מיך גוט אנגעפּאַטשט פון אַלע זייטן און אַזוי האָט מען פאַרלאָשן די פלאַמען.

רעדאַקציע: וואָס איז געווען נאָכדעם?

ר' זרח: צום ערשט האָב איך געכאַפּט אַ טעפּל וואַסער און פאַרלאָשן דעם שריפה נעבן די קיך קעבינעטן, דאַן האָב איך אָפּגעוואַשן דעם פּנים און איך בין געלאָפן צום שפּיגל זען דעם שאָדן... דער בילד האָט נישט אויסגעקוקט גוט..., האַלב פון די באָרד איז אַראָפּגעקומען און די פּיאות זענען היבש קלענער געוואָרן... דער פּנים האָט געהאַט רויטע פלעקן פון די אָפּגעבריטע ערטער.

רעדאַקציע: האָסטו גערופן הצלה אָדער אַנדערע ערשטע הילף?

ר' זרח: איך בין אַ שעמעודיגער, איך האָב נישט געוואָלט מאַכן קיין בהלה, איך האָב געזען אַז למעשה קוק איך נישט אויס געפערליך, די וואונדן זענען נישט עפּעס שרעקליכע, און איך האָב געטראַכטן אַז איך וועל שוין נוצן אייגענע שמירעכצטער און די בריען וועלן זיך פאַרהיילן.

איך בין נאָך יענעם פרייטאָג צונאַכטס געגאַנגען אין שוהל אַריין. מענטשן האָבן געפרעגט פראַגעס אָבער איך האָב זיך אַרויסגעדרייט.

רעדאַקציע: איר האָט מן הסתם געזאָגט אַז איר האט באַזוכט אין מעקסיקאָ פאַר ביזנעס! און איר זענט אַריינגעפאַלן צו די מאַפּיאַ וועלכע האָבן אייך באַקלאַפּט...

ר' זרח: יאָ ענליכעס, מענטשן זענען איידל, אַז זיי זעען אַז מען האַלט נישט ביים ענטפערן האָבן זיי נישט צופיל געדרוקט ווייטער.

רעדאַקציע: נו, מיט דעם איז אייער מיטמאַכעניש געווען פאַרטיג?

ר' זרח: וואָס ווי, פאַרקערט, דאָרטן האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. עס איז דורכגעגאַנגען די טעג און וואָכן און די האָר האָט זיך גענומען אַרויספאַלן, אָבער נישט סתם נאָר טאַקע אַלע האָר, די באָרד, די פּיאות, די שנויצן, די אויגן ברעמען, די האָר אויף די אויגן לעפלעך, עס איז נישט געבליבן כמעט קיין האָר אויפ'ן פּנים, דאָס פּנים איז מיר ממש געוואָרן גלאַט און האָר-לאָז, אפילו נאָך מער ווי אַ תינוק שנולד.

רעדאַקציע: נו מענטשן האָבן געקוקט מיט וואונדער?

ר' זרח: פרעג נישט, טייל האָבן געקוקט, אַנדערע האָבן אַוועקגעקוקט, מענטשן האָבן זיך גע'סודות'ט פון אַלע זייטן, וואו איך בין אַריינגעקומען בין איך געוואָרן דער צענטער פון אַטראַקציע, שטילערהייט האָבן זיך מענטשן געפרעגט: "ווער איז ער?", "וועמענס זון?", "וועמענס איידעם?", "ווען איז ער דיאַגנאָזירט געוואָרן?", "ווילאַנג נעמט ער שוין כעמאָטעראַפּיע?", "וואו האָט ער דאָס?".

קינדער האָבן מיך געזען און זענען אַנטלאָפן צום אַנדערן עק ביהמ"ד, הכלל וואו איך בין געגאַנגען און געקומען איז געווען געפערליכע בושות איך האָב געצויגן בליקן פון אַ מייל ווייט אַוועק.

רעדאַקציע: נו וויאַזוי האט איר זיך געספּראַוועט דערמיט?

ר' זרח: געספּראַוועט? קיין גרויסער אויסוואַל האָב איך נישט געהאַט, 'דאָס איז עס' האָב איך געטראַכט און איך דאַרף דאָס דורכשוויצן, איך האָב זיך פּשוט באַהאַלטן און איך בין נישט אַרויסגעגאַנגען צווישן מענטשן נאָר שפּעט ביינאַכט.

איך בין אַזוי נשתנה צורה געוואָרן אַז אפילו אייגענע האָבן מיך נישט דערקענט, מענטשן וואָס קענען מיך שוין יאָרן און טרעפן מיך טעגליך.

טייל פריינט האָבן זיך באַהאַלטן פון מיר, מיינענדיג אז איך זעה נישט, אַנדערע האָבן זיך יאָ געפּאַסט מוט און זענען צוגעקומען רעדן צו מיר, אַנדערע האָבן געפרעגט מיינע שכנים און באַקאַנטע צי איך לייד פון די ביטערע מחלה ל"ע.

אַ גאַנצע וואָך בין איך געווען אין שטוב אָדער געגאַנגען מיט'ן קאַר גראָד צו די אַרבעט, איך האָב זיך נישט באַוויזן דעם פּנים פאַר די מענטשהייט, שבת קודש דאוון איך ממילא אין אַ קליין ביהמ"ד נעבן מיין שטוב און דאָרטן האָט מען זיך צוגעוואוינט דערצו.

עס איז געקומען פּורים, און איך בין געווען גאָר בצער, איך האָב נישט אויסגעהאַלטן דאָס איינזאַמקייט פון זיצן אַגאַנצן טאָג אין שטוב, עס איז געקומען נאָכמיטאָג, איך האָב געאַרבעט אַ האַלבע שעה אויף זיך צו פאַסן מוט, און איך בין קוראַזשפול צוגעפאָרן צום גרויסן ביהמ"ד מיטצוהאַלטן דעם פּורים נאָכמיטאָג טיש ביי רבינו שליט"א.

איך האָב געטראַכט אַז פּורים וועט נישט זיין אַזוי שלעכט..., מענטשן וועלן מיינען אַז איך האָב זיך פאַרשטעלט..., למעשה ווען איך בין אָנקומען צום ביהמ"ד האָט די בושה אַזוי געשטאַרקט אויף מיר אַז איך האָב זיך נישט געקענט אַרויסלאָזן פון קאַר און אַריינטרעטן צווישן מענטשן, איך האָב זיך צוריקגעקערט אין שטוב און זיך געלייגט שלאָפן אַ טרויעריגער.

רעדאַקציע: נו וויאַזוי איז דאָס ווייטער אָנגעגאַנגען?

ר' זרח: קיין גרויסע חידושים איז נישט געווען, דאָס לעבן איז צוגעגאַנגען מאָנאָטאָניש, איך בין געגאַנגען פון אַרבעט אַהיים און צוריק צו די אַרבעט, איך האָב זיך נישט באַוויזן פאַר קיין מענטשן.

צוביסלעך איז די באָרד און פּיאות צוריקגעוואַקסן עטוואָס, און מיין צורה איז געוואָרן שוין נישט אַזוי פּחדימ'דיג בלאַס און גלאַט ווי ממש אין אָנהויב. אויך זענען מענטשן שוין אינצווישן געוואויר געוואָרן דערפון און נישט יעדער וואָס האָט מיך באַגעגנט האָט מיך באַטראַכט מיט די גרעסטע אויגן.

דער גרעסטער שוועריגקייט איז געווען פּסח און שבועות, עס איז אַ יום טוב, מען וויל גיין צווישן מענטשן, באַזוכן משפּחה, פירן די קינדער חול המועד, שבועות וויל מען זיין אין גרויסן ביהמ"ד מיט'ן ציבור, דאָס אַלעס איז געווען אַ פּראָבלעם, די בושות זענען געווען גאָר שטאַרק.

רעדאַקציע: וואָס איז די ענדע פון די געשיכטע, און דער מעסעדזש פאַר די ליינער?

ר' זרח: די געשיכטע האָט נישט קיין דראַמאַטישע ענדע, ווי געזאָגט, דער צושטאַנד ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג, צייט איז אַ גוטע רפואה, איך האָב זיך צוגעוואוינט צום צושטאַנד און מענטשן האָבן זיך צוגעוואוינט צו מיין פּנים, די צורה ווערט בעסער און בעסער, די באָרד און פּיאות וואַקסן שוין צוריק, איך גיי שוין אָפּן צווישן מענטשן אָן קיין זאָרג, און איך האָב שוין יעדן מודיע געווען אַז איך לייד ברוך השם נישט פון קענסער רח"ל און איך נעם נישט קיין כעמאָטעראַפּיע.

פילע פריינט און באַקאַנטע קומען יעצט צו און באַגיסן מיך מיט טרערן, זאָגנדיג אַז זיי האָבן זיך געשעמט צו פרעגן אָבער זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט אַז איך בין קראַנק געוואָרן און זענען געווען דערפון גאָר צוטראָגן, ווען זיי האָבן געהערט אַז דאָס איז בלויז אַ ברי, טאַקע נישט קיין געשמאַקע זאַך, האָבן זיי אָפּגעאָטעמט, דאָך האָב זיי געשפּירט שולד געפילן פאַר'ן מיך נישט אַקטיוו מחזק זיין אין די גאָר שווערע צייטן.

אַלנפאַלס איך טראָג אויף קיינעם נישט קיין שווער האַרץ. די געשיכטע איז געווען אַ לעקציע זיך נישט צו שפּילן מיט קיין גאַז ליעק, און יעדער דורכגאַנג וואָס אַ מענטש מאַכט דורך איז מן השמים לטובתו און עס שטאַרקט אים און מאַכט אים פאַר אַ שטאַרקערער מענטש ברוחניות ובגשמיות.

רעדאַקציע: דער באַשעפער זאָל העלפן אַז מיט די מיטמאַכענישן זאָלט איר שוין האָבן אַלעס אָפּגעקומען און איר זאָלט נאָר וויסן פון אַלעס גוטס און ברכה והצלחה בכל ענינים. בשם די ליינער באַדאַנקען מיר אייך פאַר'ן אַראָפּגעבן פון אייער צייט און שילדערן די באַלערנדע געשיכטע.

הערה פון די רעדאקציע: מיר באַטאָנען נאָכאַמאָל, אַז עס איז פייליכט גאָר אומאַנגענעם צו מאַכן אַ געשיכטע פון עמיצנס צרה'דיגע איבערלעבענישן, אָבער מיר האָבן געשפּירט אַ פליכט דאָס צו טאָן, נאָכדעם וואָס מיר זענען געמוטיגט געוואָרן דערפון פערזענליך דורכ'ן בעל המעשה כדי עס זאָל דינען אַלס אַ לערע פאַר מענטשן צו זיין גאָר פאָרזיכטיג און זיך איינשפּאָרן צער ועגמת נפש.

# תושבי הקרי'



## נישט אלס לוינט צו רופן פאָליציי נאָכ'ן מאַכן אַן עקסידענט

אל כבוד די רעדאַקציע פונעם אויסגאַבע פון די הקריה הע"י

איך האָב געוואָלט באַקאַנט מאַכן אַ וויכטיגע פונקט וואָס קען פאַרמיידן מענטשן פון ליידן עגמת נפש.

ווי באַקאַנט מאַכט זיך אַז מען מאַכט אַ Fender Bender עקסידענט, עס איז אַן אפטע ערשיינונג, עס איז טאַקע נישט קיין געשמאַקע זאַך, אָבער עס פאַסירט.

די ערשטע זאַך וואָס מענטשן טוען נאָכ'ן מאַכן אַן עקסידענט איז מען רופט די פאָליציי צו מאַכן אַ פאָליציי ריפּאָרט, עס איז ווי אַ רעפלעקסיווע רעאַקציע, מענטשן גלויבן אַז מען איז געזעצליך פאַרפליכטעט צו רופן די פאָליציי ביי אַן עקסידענט סצענע און אַז אָן דעם פאָליציי ריפּאָרט וועלן זיי נישט קענען קלעימען אינשורענס.

דאָס איז איינפאַך נישט ריכטיג, מען דאַרף נישט רופן פאָליציי, עס פעלט נישט אויס און מען קען קלעימען אינשורענס פונקט אַזוי. אַלעס וואָס מען דאַרף טאָן ביים עקסידענט סצענע איז באַקומען יענעמס אינשורענס אינפאָרמאַציע און געבן די אייגענע אינשורענס אינפאָרמאַציע.

אַ פאָליציי ריפּאָרט איז נאָר וויכטיג אויב מען דאַרף דעם פאָליציי צו דינען אַלס עדות צו שרייבן אַן אָפיציעלן באַריכט איבער וויאַזוי דער עקסידענט האָט פאַסירט, אָבער סתם, ווען ביידע דרייווערס זענען איינשטימיג איבער וויאַזוי דער עקסידענט האָט פאַסירט און זענען מסכים זיך צו פאַרגלייכן דורך קלעימען די אינשורענס, איז נישטאָ קיין אורזאַך צו רופן פאָליציי.

דאָס וואָס מיר שרייבן איז ווען מען מאַכט אַ מילדן Fender Bender עקסידענט, נישט ווען עס פאַסירט אַן עקסידענט אין וועלכע מענטשן ווערן געשעדיגט, אָדער עס זענען פאָרגעקומען ערנסטע פּראָפּערטי שאָדנס וואָס דאַן דאַרף מען יאָ רופן פאָליציי.

וועט איר פרעגן, וואָס קען שוין שאָטן צו רופן פאָליציי, עס קען אַסאַך שאָטן וואָרום ווען פאָליציאַנטן – ספּעציעל די היזיגע סטעיט פאָליציאַנטן וועלכע דרייען זיך אַרום אָן אַ שטאָך אַרבעט און דינען אַלס בעביסיטערס פאַר זייערע פּאָליס קרוזערס – פירן זיך נישט צו גיין קיין ד' אמות אָן טיילן טיקעטס, און ווען זיי שלעפּן אַרויס דעם טיקעט ביכל לייגן זיי דאָס נישט צוריק אין טאַשקע איידער זיי גיבן נישט דעם מאַקסימום.

דעריבער, ווען מען רופט זיי צו מאַכן אַ פאָליציי ריפּאָרט ביי אַן עקסידענט סצענע, קען זיך דאָס ענדיגן מיט אַ שיינע צאָל טיקעטס פאַר ביידע דרייווערס, און די פאָליציאַנטן זענען בטבע נישט עמפינדליך און נישט ווייכהאַרציג און טיילן טיקעטס לרחצה אָן רחמנות און אַזאַ שפּיל קען אָפּקאָסטן 500$ פאַר יעדן צד אָדער אפילו מער.

די היזיגע פאָליציאַנטן זענען אויך גרויסע בעלי דרשנים און קענען אין איין סאָרט פאַרלעצונג אריינטיישטן עטליכע פשטים וואָס ערמעגליכט זיי צו געבן מערערע טיקעטס פאַר איין פאַרלעצונג.

צב"ש אויב עמיצער האָט געמאַכט אַן עקסידענט ביים פרובירן אויסצוקרויזן אַן אַנדערן פאַמעליך-פאָרנדיגן אויטאָ פאַר אים, דורך דורכפאָרן די געלע ליניע, קען מען פאַרדעם באַקומען דריי טיקעטס, איינס פאַר'ן דורכפאָרן די דאָפּלטע געלע ליניע, צווייטנס פאַר'ן מאַכן אַן אומזיכערן ליניע טויש און דריטנס פאַר'ן דרייוון אויף אַן אומפאָרזיכטיגן וועג, וכו', וכו' לקיים מה שנאמר חכמים המה להרע.

אויך, אויב איינער פון די דרייווערס פאַרמאָגט נישט מיט זיך דעם דרייווערס לייסענס, אָדער דעם אינשורענס קאַרטל, אָדער די רעגיסטראַציע איז נישט אין אָרדענונג, אָדער אַז די לייסענס איז סוספּענדירט, קען מען יענעם אריינדרייען אין גרויסע פּראָבלעמען.

דעריבער, אַז מען קען פאַרמיידן די עגמת נפש דורך נישט רופן פאָליציי איז פיל פיל בעסער, און עס איז וויכטיג צו האָבן אַביסל ישוב הדעת, וואָרום נאָך אַן עקסידענט זענען מענטשן פאַרפאַניקט און בייז-בלוטיג, און ווילן יענעם דערשטעכן, און מיינען אַז מען מוז האַנדלען גלייך אָן איבערטראַכטן.

אָבער מען טאָר זיך נישט פאַרלירן, ביי אַ איד איז דער קאַר נישט די נשמה אַליינס, און עס איז נישטאָ וואו זיך צו יאָגן, אַ קלעים און אַ פאָליציי ריפּאָרט קען מען אויך מאַכן שפּעטער, און אַז איר האָט מורא אַז יענער וועט ליגענט זאָגן ווערט איר נישט מער געהאָלפן דורכ'ן פאָליציי ריפּאָרט ווייל יענער קען ליגענט זאָגן אויפ'ן פּלאַץ אויך.

געדענקט, ואהבת לריעך כמוך, יעצט רופט איר פאָליציי קעגן יענעם, ווייל יענער האָט אַריינגעקראַכט אין אייך אַריין, איז מאָרגן קען דער באַשעפער מזמין זיין פונקט אַזוי אַז איר זאָלט בשוגג אַריינקלאַפּן אין אַן אַנדערן און זיך טרעפן אינעם זעלבן סומאַטאָכע און דאַן שפּירן וואָס יענער האָט געשפּירט. מה דעלך סני לחברך לא תעביד.

נ.ב. כדי זיך אויסצוהיטן פון עגמת נפש און זיך קענען האַלטן דעם קאָפּ נאָך אַן עקסידענט איז גוט צו האָבן ביי זיך אין טאַש די נומערן פון די היימישע ערפאַרענע קאַלישן אַגענטן וועלכע קענען אייך געוואַלדיג אַרויסהעלפן מיט טאַט און ראַט און פאַרשפּאָרן אַסאַך עגמת נפש.

*ידידכם ב.מ.*

*

## נישט באַלמוטשען ווען מען בעט אָדער מען נעמט אויף היטשן

צו די רעדאַקציע פונעם צייטונג הקריה.

איך וויל אַרויסברענגען עטליכע פונקטן וואָס פעלט זיך אויס אויפמערקזאַמקייט סיי פאַר די וואָס נעמען היטשעס און סיי פאַר די וואָס געבן היטשעס.

קרית יואל איז אַ גרויסע שטאָט און ביי יעדן פונקט זענען דאָ מענטשן וואָס בעטן היטשעס און אידישע קינדער נתבעים ונותנים שטעלן זיך גערן אָפּ און נעמען אויף מענטשן פאַר היטשעס און טראָגן זיי אָפּ למחוז חפצם.

מענטשן וואָס גיבן היטשעס דאַרפן נוצן אויפמערקזאַמקייט עס צוטאָן אויף אַ וועג אַז עס זאָל נישט שטערן דעם טראַפיק און נישט שטעלן מענטשן אין געפאַר.

אָפטמאָל שטעלן זיך מענטשן בעטן היטשעס ביי די ווינקלען וואָס זענען צענטראַלע טראַפיק דורכפאָר ערטער, און מענטשן שטעלן זיך אָפּ טאַקע אין צענטער פונעם טראַפיק באַקס און לאָזן אַריין די היטשערס, דאָס שטערט דעם טראַפיק און שטעלט פאָר אַ געפאַר ווייל אַנדערע אויטאָס פרובירן אויסצוקרויזן דעם אָפּגעשטעלטן אויטאָ און נישט אַלעמאָל כאַפּט מען זיך אַז יענער שטייט ווייל ער וויל געבן אַ היטש פאַר מענטשן.

די עצה איז צו ווינקען פאַר די היטשערס אַז מען האָט פאַרשטאַנען זייער בקשה און מען גייט זיך אָפּשטעלן און זיך אַריינציען אין די זייט, אָנצונדן די העזערד לייטס, און אַזוי אַריינלאָזן די מענטשן.

אויך איז וויכטיג קאָמוניקאַציע, אַז דער טיר איז אַן עלעקטראָנישער טיר דאַרף מען דאָס זאָגן פאַר די אַריינקומענדיגע און זיי מעלדן אַז דער דרייווער וועט קאָנטראָלירן דעם טיר און זיי דאַרפן גאָרנישט שלעפּן אָדער ציען.

ביים זיך צוריק אַריינציען אין טראַפיק דאַרפן די היטש געבער אַכטונג געבן נישט אַריינצוקראַכן אין אַנדערע אויטאָס און מיט אַביסל פאָרזיכטיגקייט קען מען זיך שפּאָרן אַסאַך עגמת נפש.

מענטשן וואָס בעטן אַ היטש דאַרפן וויסן:

נישט ציען אָדער שלעפּן די טיר ווילד, עס איז נישטאָ קיין אורזאַך זיך צו יאָגן, דער היטש געבער נעמט אייך גערן און עס איז אים ענדערש צו וואַרטן ווי איידער איר זאָלט אים ברעכן די טיר.

נישט אַלעמאָל קען עמיצער אייך אויפנעמען ווערט נישט ברוגז ווען יענער פאָרט אייך פאַרביי.

ווען איר זענט ביי יענעמס אויטאָ, איז ראַטזאַם נישט צו רעדן אויפ'ן סעלפאָון, אויך מוזט איר נישט מאַכן קיין שמועסל מיט'ן דרייווער, מעגליך איז ער נישט אינעם גוסטע צו שמועסן, און פרעגט אים נישט וואָסערער טעיפּ ליגט אים אין טעיפּרעקאָרדער.

אָט דאָס אַלעס איז בלויז אויפ'ן שפּיץ גאָפּל אָבער איז וויכטיג פאַר ביידע צדדים כדי עס זאָל נישט צוקומען צו עקסידענטן און מענטשן זאָלן קענען געבן היטשעס מיט הרחבת הדעת.

מיט דאַנק און אַנערקענונג

*ידידכם ש. ר.*

## גרויס פאָרזיכטיגקייט פאַרלאַנגט ביים צינדן ליכט אין די מיטל-נאַכט יום טוב

אין די יעצטיגע ימים טובים טעג איז וויכטיג אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם ציבור צו זיין פאָרזיכטיג מיט ליכט צינדן.

ביים צינדן ליכט מיטל-נאַכט יום טוב קען מען דאָך נישט פאַרלעשן דעם ליכט, טייל פירן זיך צו צונדן טאַקע מיט איינע פון די ליכט וואָס מען צינדט יעדע וואָך און לאָזן דעם ליכט אָנגעצינדן, אַנדערע נוצן אַ קליינעם יאָרצייט ליכטל דערפון אָנצוצינדן די אַנדערע.

מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג דערמיט, און אָט וועלן מיר פאַרציילן א געשיכטע: עטליכע יאָרן צוריק, איז אַריינגערופן געוואָרן אַ פייער קאָל מיטל-נאַכט יום טוב, אַ אידענע האָט געשפּירט אַ שטאַרקן גערוך פון שמעלצנדיגע פּלאַסטיק וואָס ברענט.

די מצילי אש וואָלונטירן זענען אַריבערגעקומען און האָבן זיך גענומען זוכן בשל מי הרעה הזאת, נאָך זוכענישן האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווי פאָלגענד:

די אידענע האָט גענוצט אַ ליכטל אָנצוצונדן די ליכט פאַר די צווייטע טעג יום טוב, און האָט דעם ליכטל נאָכדעם אַריינגעלייגט אין גאָר אַ פאַרזיכערט אָרט, נעמליך אין סינק. אַז מען באַטראַכט זיך דאַרף דאָך לכאורה דער סינק זיין דער בעסטער פּלאַץ צו לייגן אַ ליכט, עס איז דאָך ערצייגט פון שטיין-וואַרג, עס קען נישט ברענען.

וואָס האָט פאַסירט? די ליכט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים צענטער פונעם סינק ביים אייזערנעם אָפּלויף, די ליכט איז אויסגעגאַנגען און איז געוואָרן קלענער און קלענער, און די חלב האָט כסדר אַראָפּגעטראָפּט אַריין אינעם דרעין, און די רעזולטאַטן האָבן נישט פאַרשפּעטיגט צו קומען, די פּלאַסטישע פּלאָמבינג פּייפּ האָט זיך גענומען שמעלצן און עס האָט שוין געהאַלטן ביים גיין אַ גאַנג, ותוצאותיו מי ישרנה.

דעריבער דאַרף מען זיין פאָרזיכטיג און ליכט זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַן אָרט וואו עס וועט נישט צוקומען צו אַ פייער געפאַר.

## נישט לאָזן טאָפּ קאָכן און אַרויסגיין פון שטוב איבערלאָזנדיג דאָס קינד שלאָפן

די מצילי אש אַגענטור האָט ווידעראַמאָל אַרויסגעגעבן אַ רוף וואָרענענדיג די נשים צדקניות נישט איבערצולאָזן אַ טאָפּ ברענען אויפ'ן גאַז רעינדזש און אַרויסגיין פון שטוב, ווייל דאָס גרעניצט זיך מיט סכנת נפשות.

עס איז אַ זאַך וואָס מאַכט זיך ליידער אָפט, טראָץ די כסדר'דיגע וואָרענונגען דערקעגן, און די סאָרט קאָלס מאַכן אויס אַ גרויסער פּראָצענט פון די מצילי אש קאָלס דורכ'ן יאָר.

מען דאַרף נישט צולייגן דערצו, אַז לאָזן עסן קאָכן אויפ'ן גאַז רעינדזש און אַרויסגיין, און נאָכדערצו לאָזן אַ קינד שלאָפן אין שטוב, איז אַ זאַך וואָס טאָר נישט פאַסירן.

אָט האָט פאַסירט אין די פאַרגאַנגענע מאָנאַטן ווען אַ אידענע האָט געלייגט עסן צו קאָכן אויפ'ן פּלאַם און איז אַרויס פון שטוב און האָט איבערגעלאָזט אַ פּיצל קינד שלאָפן אין שטוב, די אידענע איז געזיצן אין הויף און געשמועסט מיט די שכנות און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן פונעם טאָפּ עסן וואָס בראָט זיך אויפ'ן פּלאַם.

די שעה'ן זענען געלאָפן און פונעם טאָפּ עסן איז געוואָרן אַש און פּאָרעך, דער סמאָוק אַלאַרם האָט זיך צעקלונגען, און די שכנים האָבן אין גרויס בהלה גערופן די מצילי אש פייערלעשער וועלכע זענען געקומען מיט אַ שנעלקייט.

אינצווישן איז נאָך די אידענע געזיצן אין הויף רואיג און געשמועסט און מיט וואונדער געקוקט פאַרוואָס די מצילי אש האָט זיך באַוויזן, און האָט אין האַרצן שפּעקולירט וועלכע שכינה האָט דאָס מאָל צוגעברענט דעם סאָפּער.

אַריינגייענדיג אין שטוב האָט מען דאָס געפונען פאַררויכערט, און טראָצדעם וואָס עס האָט אויסגעזען ווי קיינער איז נישט אין שטוב, האָט די מצילי אש - פער דעם הצלת נפשות פּראָטאָקאָל - דורכגעזוכט די גאַנצע הויז צי עס געפינען זיך נישט קיין לעבעדיגע מענטשן, און אָט האָט מען צום גרויס שוידער געפונען דאָס פּיצל קינד שלאָפנדיג אינעם פאַררויכערטן הויז.

ווי פאַרשטענדליך האָט די מצילי אש אַגענטור באַהאַנדלט די עמוירדזשענסי סצענע ווי געהעריג, מען האָט אויסגעלאָשן דעם פייער און אויסגעלופטערט די דירה, און אונטערזוכט דאָס קינד צי עס איז נישט געשעדיגט געוואָרן, אָבער אויף די בושות און שולד געפילן פון די מוטער האָבן זיי נישט קיין סאַך געקענט העלפן.

דעריבער, בעטן די מצילי אש וואָלונטירן די חשוב'ע אידענעס נישט צו לאָזן קאָכן עסן אויפ'ן גאַז רעינדזש און אַרויסגיין, אַז מען מוז יאָ ארויסגיין זאָל מען נוצן אַ "סלאָו-קוקער" אָדער אַנדערע קאָכן אַפּאַראַטן וואָס זענען צוגעפּאַסט פאַר די וואָס קענען נישט זיצן אין שטוב דורכאויס די צייט וואָס די עסנוואַרג ווערן אָפּגעקאָכט.


## אַכטונג טייערע אידן

### אז איר ווערט פּטור פון אייער אַלטע קאַר

ביטע מאַכט זיכער אַרויסצונעמען דעם ספּעיר רעדל און שענקט דאָס אַוועק פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע וועלכע קענען דאָס זייער גוט אויסנוצן.

געדענקט מיט אַזאַ נדבה קענט איר אַמאָל העלפן אַ איד אין אַ נויטפאַל.
וואַרפט נישט אַוועק דעם ספּעיר רעדל מיט'ן קאַר, עס איז צו טייער צו פאַרשווענדן,
גיט דאָס אַוועק פאַר חברים און העלפט ראַטעווען אידן אין אַ נויטפאַל!

פיט דאנק
חברים

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

-טראנספארטעישאן דעפארטמענט-

# באס טראנספארטעישאן סעיפטי אנווייזונגען

## וויכטיגע אויפפאדערונג פאר די חשוב'ע איינוואוינער

אזוי ווי אזוי ווי קרית יואל איז ב"ה געבענטשט מיט פיל קינדער כ"י, און ווי פארשטענדליך ווערט כסדר דער פארקער גרעסער און געדיכטער, וועלכע שטעלט בעיקר אין געפאר די טויזענטער קינדער כ"י וועלכע גייען טאג טעגליך מיט די באסעס. דעריבער קומען מיר ארויס מיט א אויפפאדערונג פאר אלע איינוואוינער צו זיין זייער פארזיכטיג ווען מען איז אויפ'ן ראוד, ספעציעל ווען מען באגעגנט א סקול באס.

דער געזעץ לויטעט: אז ווען מען בעגעגנט זיך מיט א סקול באס וועלכע נעמט אויף אדער לייגט אראפ קינדער און די רויטע לייטס בלינקען, **דארפן די קארס פון אלע ריכטונגען זיך אפשטעלן אוןווארטן ביז די רויטע לייטס ווערן אויסגעלאשן.** די קארס דארפ'ן זיך אפשטעלן א גענוג ווייטע שטרעקע כדי די קינדער זאלן קענען זיכערערהייט אדורכגיין, דער פאראָרדענונג איז צו פארמיידן פון א סכנה, און איז אויך א טראפיק פארלעצונג וועלכע קומט מיט א גרויסע שטראף און ווערט שטרענג אינפארסירט.

### עלטערן דארפן צוהעלפן צו דעם זיכערהייט פון די קינדער דורכ'ן אנזאגן די פאלגענדע אנווייזונגען:

1) פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער, איז ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס, דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס וועלכע קענען דורכפארן און באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכע נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכער געמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ'ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י. **מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סאַפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו,** אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

2) ווארטנדיג אויפ'ן באס זאלן די קינדער נישט שטיין ביים עק סיידוואלק, אדער אויפן ראוד.

3) ווען דער באס קומט אן צום באס סטאפ, זאלן די קינדער נישט צוגיין צום באס ווילאנג דער באס קומט נישט צו א קאמפלעטע סטאפ און עפענט דעם טיר.

4) ווען מען קראסט אריבערצוגיין צום באס, זאל מען גוט קוקן פון אלע זייטן צו עס קומען נישט קיין קארס און אזוי אריבערגיין (און נישט זיך פארלאזן אז די קאר וועט זיכער סטאפן).

5) אויב עס פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פארן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס.

6) ביי קלענערע קינדער איז וויכטיג אז די עלטערן זאלן ווארטן מיט די קינדער ביים באס צופרי' און אפווארטן ביים אהיימקומען.

7) עלטערן זאלן אנזאגן פאר די קינדער, אז ווען מען קומט אהיים פון חדר-סקול זאל מען קודם אריינקומען אין שטוב, און אזוי ארום פארשפארן עגמת נפש.

8) ביים אריבערגיין דעם באס זאל מען גיין גענוג ווייט פונעם פארענט פונעם באס, אז מען זאל קענען זען דעם דרייווער.

## - טראנספארטעישאן נומערן -

**טראנסאפארטעישאן אפיס**
(נישט פאר עמוירדזשענסי)
**782-3687**

**עלטערן קאמיוניקאציע ליין**
**און עמוירדזשענסי נומער**
(צב"ש אויב א קינד איז נישט אנגעקומען אהיים)
**782-2300 Ext. 123**

**סקעדזשועל אינפארמאציע**
**782-1512 Ext.1**

# וווארט ביי וווארט איבערזעצונג

## פון דעם געריכט אורטייל פון די דריי ריכטער אין דעם פעדעראלן אפעלאט געריכט

### וואו זיי שליידערן ארויס די אנקלאגע קעגן דעם ווילידזש, און באשטעטיגן
### דאס עקזיסטענץ פון דעם הייליגן שטאט קרית יואל עד ביאת הגואל במהרה

אין דעם צענטן טאג פון סעפטעמבער, 012′ איז געהערט געווארן אַן אפעלאט אין דער יונייטעד סטעיטס קאורט אוו אפיעלס, צווייטן קרייז געריכט. דער פראצעס איז אפגעהאלטן געווארן אין דעם דעניעל פעטריק מאיניהען געריכט–הויז, 500 פערל סטריט, אין דער שטאט ניו יארק.

אנוועזנד געוועןֹ:
דזשאסעף מעקלאפלין,
סוזען קארני,
קריסטאפער דראני,
קרייז ריכטער.

קרית דזשאול אלייענס, קאנגרעגעישאן בית יואל אוהל פיגא, זלמן (לייב) וואלדמאן, מאיר דייטש, בערנארד (יעקב ברוך) טירנויער, יצחק סרוגא, יוסף וואלדמאן, משה טענענבוים, דוד וואלנער, יואל וואלדמאן,
אנקלעגער - אנקלעגער אין אפעלאט

קאנגרעגעישאן טי–עי אוו קעי–דזשעי, שמואל אייזנבערג
אנקלעגער,

–קעגן–

ווילעדזש אוו קרית יואל, יעקב (אלי׳) רייזמאן, ווילעדזש טראסטי; משה גאלדשטיין, ווילעדזש טראסטי; יעקב פריינד; שמואל (אהרן) לאנדא, ווילעדזש טראסטי; אברהם ווידער, מעיאר פונעם ווילעדזש אוו קרית יואל; משה (לייב) וויטריאל, דירעקטאר פון ווילעדזש אוו קרית יואל דעפארטמענט אוו פובליק סעיפטי; קהל יטב לב ד׳סאטמאר, קרית יואל; דוד עקשטיין; טאון אוו מאנרא,
אנגעקלאגטע - אנגעקלאגטע אין אפעלאט,

סעסאר פאראלעס, ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט,
אנגעקלאגטער.

עס האנדלט זיך פון אַן אפעלאט אויף אַן אורטייל וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך דעם פעדעראלן געריכט אין דרום ניו יארק (דזשעד רעיקאף, ריכטער). נאכ׳ן באטראכטן דעם אפעלאט טוען מיר פאראורדענען, אורטיילן און באפעלן, אז דער אורטייל פונעם נידעריגן געריכט איז באשטעטיגט.

די אנקלעגער, מיטגלידער פון א זעלבסט–געקרוינטער "דיסידענט" גרופע, וואס וואוינט אין דעם ווילעדזש אוו קרית יואל אין ארענדזש קאונטי, ניו יארק, האבן אפעלירט דעם אורטייל פונעם נידעריגערן געריכט, וואס האט נאכגעגעבן דעם פארלאנג פון די אנגעקלאגטע, ארויסצואווארפן די אנקלאגע.

די אנקלעגער האבן אנגעגעבן א רייע טענות אז זייערע ערשטע און פערצנטע אמענדמענט רעכטן זענען פארלעצט געווארן, און האבן אריינגעגעבן אַן אנקלאגע אונטער דעם "רעליגיעזן לאנד באניץ" געזעץ, אויך באוואוסט אלס RLUIPA, באשולדיגנדיג די ווילעדזש זאונינג געזעצן אין דיסקרימינירן קעגן זיי. דאס געריכט האט ארויסגעווארפן טייל פון די קלאגעס פון די אנקלעגער אויפ׳ן סמך פון "רעז דזשודיקאטע" (לאטיינישער אויסדריק וואס באדייט אז די אנקלאגע איז שוין איינמאל אריינגעגעבן געווארן אין געריכט און קען נישט נאכאמאל אריינגעגעבן ווערן.); אנדערע קלאגעס זענען ארויסגעווארפן געווארן אויפ׳ן סמך אז די אנקלעגער האבן נישט די אויטאריטעט אריינצוגעבן די קלאגעס; און די איבעריגע קלאגעס זענען ארויסגעווארפן געווארן וויבאלד די אנקלעגער האבן נישט אנגעוויזן אז זיי זענען באקריוודעט געווארן, כדי אז זייערע פארלאנגען זאלן קענען נאכגעגעבן ווערן.

מיר שטעלן זיך פאר אז ביידע זייטן זענען באקאנט מיט די אנגעגעבענע פאקטן, און די לעגאלע היסטאריע, און די ארגומענטן וועלכע זענען אויפגעברענגט געווארן אינעם אפעלאט געריכט, און דעריבער וועלן מיר זיי נאר דערמאנען בקיצור נמרץ, ווען מיר וועלן דארפן ערקלערן אונזער אורטייל.

מיר באטראכטן אורטיילן פונעם נידעריגן געריכט ארויסצואווארפן אנקלאגעס אויפ׳ן סמך פון "רעז דזשודיקאטע", און אורטיילן פונעם נידעריגן געריכט ארויסצואווארפן אנקלאגעס באזירט אויפ׳ן סמך אז די אנקלעגער האבן נישט אויטאריטעט צו קלאגן. מיר זענען איינשטימיג מיט א נידעריגערן געריכט ארויסצואווארפן אַן אנקלאגע, בלויז אויב דער אנקלעגער שטעלט נישט צו שטארקע באווייזן, אנשטאט בלויז שפעקולאציעס, אויפצואווייזן אז זיינע טענות זענען ריכטיג.

די צדדים אין דעם פאל, און זייערע פארטרעטער, זענען שוין פארמישט אין לעגאלע סכסוכים סיי אין סטעיט און סיי אין פעדעראלע געריכטן, שוין פאר די לעצטע צוואנציג יאר. מיר וועלן אין קורצן איבערגיין דעם מקור פון זייער לאנג–יעריגן סכסוך, ווי עס ווערט געשילדערט אין דער אנקלאגע: דער ווילעדזש אוו קרית יואל איז געגרינדעט געווארן אין 977′, צו דינען אלס א שטעטל פאר די נאכפאלגער פון דער סאטמארער חסיד׳ישער סעקטע פונעם אידישן פאלק. די איינוואוינער פונעם ווילעדזש זענען אויסשליסליך נאכפאלגער פון דער סעקטע, א מאיאריטעט פון זיי זענען מיטגלידער פון דער אנגעקלאגטער קהל יטב לב ד׳סאטמאר פון קרית יואל. די אנקלעגער זענען אויך נאכפאלגער פון דעם סאטמארער חסיד׳ישן גלויבן, אבער זיי נעמען נישט אָן דעם סמכות פונעם יעצטיגן פירער פון קיט״ל, דער גרענד רבי [כ״ק מרן] אהרן טייטלבוים [שליט״א], א קרוב פונעם אריגינעלן פירער פון דער סעקטע.

די אנקלעגער טענה׳ן אז וויבאלד זיי אנטזאגן זיך צו אקצעפטירן דעם יעצטיגן גרענד רבי, דיסקרימינירט דער ווילעדזש קעגן זיי, און אנדערע "דיסידענטן". ווי זיי באשולדיגן, ווערט דער ווילעדזש געפירט אויסשליסליך דורך מיטגלידער פון קיט״ל.

A. רעז דזשודיקאטע

אונטער די רעגולאציעס פון "רעז דזשודיקאטע" קען מען נישט צוריק אויפברענגען אין געריכט באשולדיגונגען וועלכע זענען שוין איינמאל אויפגעברענגט געווארן, אדער וועלכע וואלטן געקענט אויפגעברענגט ווערן אין א פריערדיגער אנקלאגע. "רעז דזשודיקאטע" איז גילטיג אין פאל 1) עס איז שוין ארויסגעקומען א פסק אין דער פריערדיגער אנקלאגע; 2) די פריערדיגע אנקלאגע איז אריינגעגעבן געווארן דורך די זעלבע אנקלעגער אדער זייערע פארבינדעטע; [און] 3) עס רעדט זיך פון באשולדיגונגען וועלכע זענען, אדער וואלטן געקענט, אויפגעברענגט ווערן אין א פריערדיגער אנקלאגע.

אבער כדי אז "רעז דזשודיקאטע" זאל זיין גילטיג, מוז מען קודם פעסטשטעלן אז די צווייטע אנקלאגע נעמט טאקע אריין די זעלבע באשולדיגונגען ווי די ערשטע אנקלאגע פון "וואלדמאן קעגן ווילעדזש אוו קרית יואל." (געברענגט געווארן פאר׳ן צווייטן קרייז געריכט אין 00׳). כדי צו באשליסן אויב ביידע אנקלאגעס זענען באזירט אויף די זעלבע באשולדיגונגען דארפן מיר באטראכטן אויב די פאקטן זענען די זעלבע בשייכות צו צייט, ארט, מקור, אדער מאטיוואציע.

אלזא, די אנקלעגער האבן באשולדיגט אז דער ווילעדזש האט פארלעצט זייערע קאנסטיטוציאנעלע רעכטן, און זייערע רעכטן אונטער דעם "RLUIPA" געזעץ, דורכ׳ן צווינגען פאר די אנקלעגער קאנגרעגעישאן בית יואל אוהל פיגא, א דיסידענט קאנגרעגעישאן, צו באקומען א מוניציפאלן פערמיט פאר זיי קענען ניצן זייער אייגענע פראפערטי אלס א שול, כאטש זיי האבן נישט פארלאנגט דאס זעלביגע פון שולן וואס געפינען זיך אין אנדערע הייזער, און וועלכע זענען פארבינדן מיט קיט״ל. דאס נידעריגע געריכט האט געאורטיילט אז "רעז דזשודיקאטא" ערלויבט נישט פאר די אנקלעגער אריינצוגעבן די דאזיגע אנקלאגע. מיר זענען איינשטימיג מיט דעם אורטייל.

קאנגרעגעישאן בית יואל, זלמן וואלדמאן, בערנארד טירנויער און מאיר דייטש - וועלכע זענען אלע אנקלעגער אין דער יעצטיגער אנקלאגע - האבן שוין אריינגעגעבן צוויי אנקלאגעס אין ניו יארק סטעיט געריכטן, אין וועלכן זיי האבן גע׳טענה׳ט, אזוי ווי זיי טענה׳ן יעצט, אז קיט״ל און דער ווילעדזש האבן אומלעגאל פארבאטן פאר קהילת בית יואל צו ניצן דעם פראפערטי פאר רעליגיעזע צוועקן. (די אנקלאגעס זענען "בית יואל אוהל פיגא קעגן קהל יטב לב ד׳סאטמאר" און "בית יואל אוהל פיגא קעגן ווילעדזש אוו קרית יואל"). דאס נידעריגע געריכט האט ריכטיג פעסטגעשטעלט אז די זעלבע פאקטן פון די פריערדיגע צוויי אנקלאגעס, גילטן אין דער יעצטיגער אנקלאגע.

די אנקלעגער האבן אבער גע׳טענה׳ט אז עס איז דאך נישט ריכטיג ארויסצואווארפן די אנקלאגע, וויבאלד זיי האבן יעצט אריינגעגעבן פרישע באשולדיגונגען איבער דעם פראפערטי, און אנגעוויזן וויאזוי זייער גלייכבארעכטיגקייט איז פארלעצט געווארן - באשולדיגונגען וועלכע זענען נישט אריינגעגעבן געווארן אין די צוויי סטעיט קלאגעס. אבער די אנקלעגער קענען נישט אויסמיידן דעם אפעקט פון "רעז דזשודיקאטא" דורך "צעטיילן" זייערע באשולדיגונגען אין עטליכע אנקלאגעס, באזירט אויף עטליכע לעגאלע טעאריעס.

נאכמער, די אנגעבליכע "נייע" באשולדיגונגען וועלכע זיי האבן יעצט אריינגעגעבן - נעמליך, דער "קאנסטרוקציע בליץ" פונעם ווילעדזש אויף דער פראפערטי, און די באמיאונגען פונעם ווילעדזש צו שטערן פון קאנגרעגעישאן בית יואל צו באקומען א מוניציפאלע ערלויבעניש צו ניצן די פראפערטי אלס א שול - זענען שוין גארנישט ניי, ווי דאס נידעריגע געריכט האט אנגעוויזן. די באשולדיגונגען זענען אויפגעברענגט געווארן זייער קלאר, ביי דער אנקלאגע פון בית יואל קעגן דעם ווילעדזש. די אנקלעגער האבן נישט באוויזן צו געבן קיין שום שכל׳דיגע ערקלערונג פארוואס די פאקטן האבן נישט געקענט אויפגעברענגט ווערן ביי די פריערדיגע אנקלאגעס. דערפאר נעמען מיר

אָן דעם באשלוס פונעם נידעריגן געריכט ארויסצואווארפן די קלאגעס איבער דער פראפערטי, אויפ'ן סמך פון "רעז דזשודיקאטא".

B. אויטאריטעט

ביזנעס אייגענטומער פון קרית יואל באטייליגן זיך ביי די ביזנעס טרענירונג קורסן אין זאל פון אשת חיל


# אכטונג דרייווערס!

נאכדעם וואס איר האט געמאכט א ווילדן Short Stop אין די טונקל,
עפנט די פענסטער און לאזט וויסן דעם יונגערמאן וואס גייט אנע רעפלעקטאר:

"דו דארפסט מעגליך גומל בענטשן, ווייל דו ביזט נארוואס ב"ה אפגעראטעוועט געווארן פון א גרויסע סכנה"....!!!

# דעזיין פאר נייעם בנין "אשת חיל" פארענדיגט געווארן בשעטומ"צ

**נייער בנין וועט טראגן נאמען "אהל פעסיל לאה" ע"ש הרבנית הצדיקת ע"ה - הנהלת אשת חיל לאזט זיך אריין אין פרישע מולטי-מיליאן דאלארדיגע פראיעקט - מאסיווע פאנדרעיזינג קאמפיין אונטערגענומען - זעלטענע געלעגענהייט פאר נדבנים איינצוהאנדלן זכותים**

(פארזעצונג פון זייט 1)

אויף די איבריגע שטאקן וועט זיין נאך פארשידענע סערוויסעס.

*

שטייענדיג יעצט בלויז פיר יאר נאכדעם וואס די ערשטע בנין פון 'אשת חיל' געביידע 'אהל חנה רחל' איז אריין אין דינסט, שטעלט זיך ארויס אז מ'האט ווייט אונטערגעשאצט דעם געברויך און דעם פארלאנג, נאכדעם וואס מ'זעהט אז דער "אשת חיל" ווערט אויסגענוצט נישט בלויז דורך תושבי קרית יואל, נאר דורך היימישע פרויען פון אלע עקן פון ניו יארק והגלילות, נאכדעם וואס איר גוטער נאמען איז ארויסגעגאנגען איבעראל.

ווי די הנהלה פון "אשת חיל" זאגט, איז דער ערשטער געביידע פונעם אשת חיל, מיט'ן נאמען "אהל חנה רחל", איבערגעפילט רוב צייטן פון יאר, און מ'פלאגט זיך שטארק ווייל מ'קען נישט אפזאגן די פרויען וואס ווילן זיך קומען אפרוען.

די הנהלה באטאנט אז אין רוב היימישע געגנטער וואו אחב"י זענען קאנצענטרירט איז נישטא אזא סארט סערוויס, ממילא וואקסט דער פארלאנג ממש פון חודש צו חודש, און מ'קען נישט זאגן פאר די אפגעמוטשעטע מאמעס פון פיצעלעך קינדער וואס ווילן קומען זיך אנזאפן פרישע כוחות, אז זיי קענען נישט קומען וויבאלד זיי וואוינען נישט אין קרית יואל.

דערפאר האט די הנהלת "אשת חיל" באשלאסן זיך גלייך צו נעמען צו די בוי-ארבעט פון א צווייטן בנין פאר'ן אשת חיל, צו קענען אקאמאדירן דעם גרעסערן געברויך קע"ה.

ווי נאר דער סטרוקטשור פונעם נייעם בנין וועט פארטיג ווערן, וועט א חלק דערפון גלייך אריינגיין אין באנוץ פאר'ן אשת חיל, און דער איבריגער חלק וועט פארטיג ווערן א צייט דערנאך.

*

די הנהלת אשת חיל איז אריינגעגאנגען זיך דורכרעדן מיט כ"ק מרן רבינו שליט"א איבער אלע פרטים פונעם געביידע, סיי בעבר און סיי בעתיד, און אויסשמועסן וויאזוי מ'זאל קענען צושטאנד ברענגען דעם נייעם בנין מן הכח אל הפועל. די הנהלה האט אראפגעלייגט פאר'ן רבי'ן שליט"א דעם געוואלדיגן געברויך וואס ס'איז יעצט דא פאר נאך א בנין, די גרויסקייט פונעם פראיעקט אין וואס מ'לאזט זיך יעצט אריין, און די פארשידענע פלענער פון וואו צו שאפן די פאנדן פאר'ן נייעם פראיעקט.

עס איז גענומען געווארן אין באטראכט די אומגעהויערע ארבעט וואס אשת חבר הרבנית הצדיקת תליט"א האט אריינגעלייגט אין דעם געביט, נאך מיט יארן איידער'ן צוטרעטן צום בויען דעם ארגינעלן בנין "אשת חיל", ווען זי האט פרובירט צו פארשאפן דאס געלט דערפאר, און זי האט אריינגעלייגט וואכן און חדשים אין אויספלאנירן דעם געביידע און די פונקטליכע דעטאלן און סערוויס, ארומפארנדיג אין אנדערע געגנטער וואו ס'געפינט זיך ענליכע היימען צו זעהן וויאזוי מ'קען פארבעסערן און פארשענערן דעם געביידע פאר'ן געברויך פון די חשוב'ע פרויען שתחיו, און באזונדער באגלייט זי דעם גאנצן הלך ילך פונעם געביידע זינט עס איז געעפנט געווארן ביז'ן היינטיגן טאג, און צו איר קרעדיט ווערט צוגעשריבן דער גוטער נאמען וואס דער "אשת חיל ד'קרית יואל" טראגט היינט איבער די גאנצע וועלט.

דאן האט רבינו שליט"א קורא שם געווען אויף דעם נייעם בנין, "אהל פעסיל לאה", לע"נ אמא דמלכא אשת חבר פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וואס וועט זיכער זיין א געוואלדיגע טובה פאר איר נשמה בעולם העליון.

דער רבי שליט"א האט דערביי גאר שטארק מחזק געווען די הנהלת אשת חיל וואס זיי נעמען זיך אונטער אזא קאסטבארן פראיעקט נאכצוקומען דעם געברויך פון די אידישע מאמעס.

*

ווי געזאגט איז יעצט פארענדיגט געווארן דער דעזיין פון די נייע בנין, וואס וועט באשטיין פון 59,000 סקוועער פיס, וואס דאס איז אין צוגאב צו די בערך 50,000 סקוועער פיס פון די ערשטע געביידע, און מיט דעם וועט האפנטליך געלינדערט ווערן דער ענגשאפט וואס הערשט יעצט אין אשת חיל, ווען אסאך מאל דארף מען אפזאגן די געסט צוליב מאנגל אין פלאץ.

די הנהלה פון אשת חיל שפרינגט אריין אין אזא גרויסן פראיעקט, טראץ דעם וואס דאס וועט אריינציען אין גאר א קאסטבארן פארנעם. אנדערש ווי ביים ערשטן געביידע ווען מ'האט נאך געקענט באקומען גרענטס פון די רעגירונג וואס האט ארויסגעהאלפן דערצו, איז אצינד זייער שווער די עקאנאמיע און די רעגירונג ציעט איין דעם פאסיג פון אלע זייטן און ס'איז שווער צו זאגן אויב מ'וועט קענען באקומען הילף פון די רעגירונג.

אבער די הנהלה ווערט נישט אנטמוטיגט דערפון. עד הנה עזרונו רחמיך, קרית יואל האט זיך שטענדיג געבויעט אויף ניסים, מ'האט זיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט פון בויען צוליב א מאנגל אין געלט, ואל יטשנו לנצח, דער באשעפער וועט ווייטער נישט פארלאזן די הייליגע שטאט און העלפן אז מ'זאל קענען דערגרייכן דעם ציל פון פארברייטערן די שטאט.

# פילע הונדערטער איינוואוינער נעמען אנטייל אין וויכטיגע "דעמאקראטישע" און "קאנסערוואטיווע" פריימערי וואלן

(פארזעצונג פון זייט 2)

א פונקטליכע ליסטע פון די שטים בארעכטיגטע אין זייער פאמיליע וואס פארמאגן די מעגליכקייט צו שטימען אין די פריימעריס.

## דער סוקסעספולער "עבסענטי בעלאט דרייוו"

אין די זעלבע צייט איז אויך דורכגעפירט געווארן א מאסיווער "עבסענטי בעלאט דרייוו", אז אלע שטים בארעכטיגטע אין קרית יואל וואס זענען רעגיסטרירט אלס דעמאקראטן און קאנסערוואטיוו, וואס האבן געוואוסט אז זיי וועלן זיך נישט געפונען דאהי אין דעם וואל טאג אדער וועלן נישט קענען ארויסגיין שטימען צוליב סיי וועלכע סיבה, זאלן שטימען דורך אן "עבסענטי בעלאט" ווייל מען האט נישט געוואלט פארלירן קיין איינציגע שטימע.

עס דארף טאקע ארויסגעברענגט ווערן לשבחם פון דעם ציבור וועלכע האבן אנגענומען דעם רוף מיט אן ערנסטקייט און פילע מענטשן וועלכע האבן געדארפט זיין אפוועזנד פון קרית יואל אין דעם וואל טאג האבן אריינגערופן און געשטימט דורך די עבסענטי בעלאטס.

## דער וואל טאג

ווען עס איז געקומען דער וואל טאג האט זיך טאקע ארויסגעזען דער ווארימער אפרוף פון דעם ציבור וועלכע האבן פארשטאנען דעם חובת השעה, און דער עולם האט זיך אנגעשטרענגט טראץ די פארנומענע ערב יו"ט טעג ארויסצוגיין שטימען.

צוליב די באגרעניצטע צאל ווילער זענען די וואלן פארקומען בלויז אויף דעם אויבערשטן שטאק אין קרן ויואל משה. אזוי ווי ביי די פארגאנגענע וואלן איז געווען צוגעשטעלט באזונדערע טישלעך און צוויי באזונדערע סקענער מאשינען איינס ביי די זייט פון די מענער אריינגאנג און די צווייטע ביי די זייט פון די פרויען אריינגאנג צום צופרידנהייט פונעם חשוב'ן ציבור.

## רעזולטאטן פון די וואלן

נאכ'ן אפציילן די שטימען אין די נאכט נאכ'ן וואל טאג האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער שטארקער כח פון נאנט צו טויזנט קרית יואל'ער שטימען האבן בעז"ה טאקע מצליח געווען אריינצוברענגען דעם אנ"ש אינדארסירטן קאנדידאט אלס געווינער פונעם פריימערי פארמעסט.

די קרית יואל'ע שטימען זענען געווען די גרעסטע צאל שטימען פון אלע געגנטער וואו דער אנ"ש אינדארסירטער קאנדידאט מעקוועיד האט באקומען 986 שטימען נאכ'ן אפציילן די עבסענטי בעלאטס האט מעקוועיד ערהאלטן נאך א צאל שטימען צו א ס"ה פון 1041 שטימען

אינאיינעם מיט נאך 520 שטימען אין אנדערע געגנטער אריינגערעכנט מאנסי וואו רוב חרדי'שע קהילות האבן אינדארסירט מעקוועיד אין די פריימעריס, האט ער בס"ה ערהאלטן 1561 שטימען, די אנדערע צוויי קאנדידאטן זענען אריינגעקומען מיט קלענערע ציפערן, איינער מיט 929 שטימען און דער צווייטער מיט 772 שטימען..

אויף דעם קאנסערוואטיוון ליין זענען אריינגעקומען פון קרית יואל 132 שטימען פאר מעקוועיד. אבער צוליב די גאר קליינע צאל קאנסערוואטיוו רעגיסטרירטע איז למעשה נישט מעגליך געווען איבערצוקומען די צאל שטימען פון דעם אמטירענדן קאנדידאט וועלכער האט ארויסגעברענגט אן איבערראשענדער צאל שטימען און האט געענדיגט מיט א שמאלן אויבערהאנט פון 44 העכער.

## מחיל אל חיל

אלענפאלס האפט מען אז דער ווארימקייט פונעם ציבור וועט אנהאלטן אויף ווייטער ווען מען וועט זיך נויטיגן אין דעם הילף פונעם ציבור אין די יערליכע נאוועמבער וואלן וואו די גאנצע שטאט וועט האבן די מעגליכקייט ארויסצוקומען שטימען און פארשטערקערן דעם קרית יואל פאראייניגטן בלאק וואוט.

לב מלכים ושרים ביד ה'.

# אויסטערלישע דערלייכטערונג פאר הונדערטער משפחות מיט נייעם "שארטקאט" צווישן די גאסן פון ווען ביורען, אוהעל, פילמאר און מירון

(פארזעצונג פון זייט 5)

וואס אויף די מאפע זענען זיי בכלל נישט אזוי ווייט, האבן זיי אבער נישט געקענט אנקומען אהין נאר דורך לאנגע אומוועגן.

א גרויסע טייל פון די איינוואוינער פלעגן זיך באנוצן מיט די שטיגן אונטער'ן ביהמ"ד הגדול, צווישן פילמאר קט. און גארפילד רד. וועלכע איז די מערסט באנוצטע טרעפן דורכגאנג אין קרית יואל. אבער פאר פרויען מיט קערידזשעס איז געווען גאר שווער זיך צו באנוצן מיט דעם וועג, ווי אויך איז דאס שוין אויך א אומוועג פאר די איינוואוינער פון מירון ביז סעקשן 4 געגנט, וועלכע ווילן גיין צום שאפינג סענטער אדער די עזרת חולים געביידע.

אצינד האט דער ווילידזש דורכגעפירט די קאמפליצירטע ארבעט צוצושטעלן א באקוועמען שארטקאט צווישן די אלע גאסן, דער וועג ציעט זיך פון מירון דרייוו ביים ווינקל פון פילמאר קט. עס לויפט דורך אונטער די פילמאר גאס ביז די אוהעל און ווען ביורען גאסן עס ענדיגט זיך נאנט צום פארקינג לאט פון ביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א אויף אוהעל קט.

דאס איז נישט געווען קיין גרינגע זאך דורכצופירן, ווייל דער וועג לויפט נישט אויף קיין גלייכע ליניע, און עס האט אריינגענומען גאר קאסטבארע אונטערנעמונגען אז דער וועג זאל קענען צוגעשטעלט ווערן באקוועם פאר די פיסגייער. אבער דער ווילידזש האט דאס דורכגעפירט צו קענען ארויסהעלפן אזויפיל משפחות אין שטאט.

והודעת להם את הדרך ילכו בה.

**חלק כחלק יאכלו:**

**יעדער שטים-בארעכטיגטער וואס טוט צוהעלפן צום בלי און וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל, דורך זיך רעגיסטרירן און גיין שטימען, האט א גלייכער חלק שותפות אין די אלע פעולות לטובה וואס ווערט געטון לטובת די הייליגע שטאט קרית יואל, משאת נפשו פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע**

## LOCAL ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 9:00 AM until 6:30 PM
**Friday:** from 9:00 AM until 1:00 PM - **Summer Months:** until 2:00 PM
**Sunday Winter Months:** from 10:00 AM until 6:30 PM
**Sunday Summer Months:** from 11:00 AM until 6:30 PM
**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**9:00-11:00-1:00-3:00-5:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain :05
- Forest by Senior Citizens
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :09
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway :10
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Schunnemunk by Forest
- Liznsek (Drop Off)
- Koznits
- D.A. Wieder :15
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow :20
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :23
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch :25
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Shopping Center :35
- Garfield
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Acres - Krolla
- Acres & Lemberg :38
- Acres - Satmar
- Zupnick
- Meron by Kahan :40
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :42
- Girl's School - I. Zupnick
- Kahan by I. Zupnick :45
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla :48
- Acres by Forest
- Shopping Center :00

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :09
- Acres by Israel Zupnick
- Getzel Berger
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :10
- Leipnik & Tevrya
- Bussines Center :13
- Israel Zupnick by Kahan :15
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Lemberg
- Acres by Krolla
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova :18
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil) (Drop Off) :20
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :25
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- D.A. Wieder :30
- Koznits by Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Forest by Acres
- Satmar by Krolla :45
- Satmar by Hayes
- I. Zupnick by G. Berger :48
- Getzel Berger
- Kahan by I. Zupnick
- Toltchav by Dinev :00

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL

**BUS TRANSPORTATION SCHEDULE**

(845) 783-8300 x14

## WALMART ROUTE

### TOWN ROUTE

**The route operates Monday through Thursday:** from 10:00 AM until 7:15 PM
**Friday:** from 10:00 AM until 2:00 PM **Summer:** 3:00
**Sunday:** from 11:00 AM until 6:00 PM
**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School (Drop Off)
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :08
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School-Bakertown
- Toltchav by Dinev :13
- Park & Ride :15
- Target :18
- Wal-Mart :20
- Spring St.
- Main by Franklin St.
- D.A. Wieder :30
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :40
- Seven Springs
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :45
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Acres
- Acres & Lemberg :48
- Bakertown
- Toltchav by Dinev :00

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Israel Zupnick
- I. Zupnick by Kahan
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain :05
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron (Aishes Chayil)
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :08
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :15
- Van Buren by Garfield
- Rimenev by Quickway
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- Forest by D.A. Wieder :16
- 17-M
- Lake Rd. (Drop Off)
- Stage Rd.
- Spring St.
- Target :27
- Wal-Mart :30
- Toltchav by Dinev (Drop Off)
- Meron-leipnik :40
- Kahan by Israel Zupnick :45
- Israel Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest :50
- Forest by Mountain
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :00

## WOODBURY COMMON

**The route operates Monday through Thursday:**
from 9:15 AM until 6:20 PM
**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**9:30-11:30-1:30-3:30-5:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain :35
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Kahan :40
- Girl's School - Israel Zupnick
- Toltchav by Dinev :42
- Bakertown
- Park & Ride
- Dundenberg
- Rt. 32 (Drop Off)
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Even hours
- Dundenberg
- Spring St.
- Main St
- Franklin Av.
- D.A. Wieder :11
- Toby
- Mountain View
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas
- Chevron (Drop Off) :15
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin :18
- Forest
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

**EVEN HOURS**

**10:30-12:30-2:30-4:30**

- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder :31
- Toby & Mountanview
- Ruzhin
- Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :35
- Chevron (Aishes Chayil)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Forest by Acres :38
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick :40
- Israel Zupnick
- Kahan
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Park & Ride :42
- **Woodbury Common** :00
  (Shortline Bus Stop) on the Odd hours
- Dundenberg
- Park & Ride
- Lipnick & Teverya :06
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Kahan
- Israel Zupnick by Kahan
- Toltchav by Dinev :10
- Girl's School, Bakertown :15
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30

## VILLAGE OF KIRYAS JOEL

**TRANSPORTATION DEPARTMENT**

# טיקעט אינפארמאציע

**מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען די חשוב'ע רייזענדע, אז מיר האבן צוגעשטעלט טיקעט ביכלעך פאר'ן באקוועמליכקייט פון די רייזנדע, וואס וועט ערמעגליכן צו באקומען בעסערע פרייזן, און נישט קיין חילוק וויפיל געלט איר האט וועט איר שטענדיג קענען באצאלן פאר א ביכל:**

**פאר $2**
באקומט איר טשעינדזש 50 צענט טיקעט, וואס איר קענט נוצן קומענדיגע מאל מיט א דאלאר.

**פאר $5**
באקומט איר א ביכל פון 3 טיקעטס און א 50 צענט טיקעט

**פאר $10**
באקומט איר 2 פון די $5 ביכלעך

**פאר $15**
באקומט איר א ביכל פון 11 טיקעט'ס. - ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $20**
באקומט איר א $15 ביכל מיט א $5 ביכל ד.ה. אז איר באקומט איין טיקעט אומזינסט

**פאר $30**
באקומט איר א ביכל פון 23 טיקעטס ד.ה. אז איר באקומט 3 טיקעטס אומזינסט




**קויפט א $30 ביכל**
און צאלט נאר **$1.30 פער טיקעט**
אנשטאט $1.50

אויב פארט איר קיין **וואודבערי קאמען** אדער **וואל מארט**
דאן צאלט נאר **$2.60** (2 טיקעט'ס)
אנשטאט $3

**אכטונג!**
**מאכט זיכער אז איר באצאלט אייביג,**
**און איר בלייבט נישט שולדיג**
**און נישט מיט קיין קרעדיט**

מיט דאנק
**ווילדזש טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# געדענקט:
**אז איר ווילט זיך שפארן $4.50,**
**קויפט די $30 ביכל,**
**וואו איר באקומט 3 טיקעטס אומזיסט.**

**וואודבארי-קאמען רוט/וואל-מארט רוט:**

ערוואקסענע:....................$3.00
עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12):....$1.50
קינדער אונטער 3 יאר....................פריי

**לאקעל רוט / טאון רוט:**

ערוואקסענע:....................$1.50
עלטערע/דיסעבעלד/מעדיקער באנוצערס און קינדער (פון 3 ביז 12):....75 סענט
קינדער אונטער 3 יאר....................פריי

**אכטונג!**
דער דרייווער האט נישט צו געבן קיין טשעינדזש פון קיין שום סכום, בלויז טיקעט.
די ביכלעך קענט איר אליינס נוצן אדער אוועקגעבן פאר א צווייטן, און ס'עקספייערט נישט.

אין חגאות, אדער אין א שלעכטע וועטער
רופט: 783-8300 1-4-2
פאר סקעדזשול טוישונגען





# השלם זה הבנין

צום פייערליכן מעמד חנוכת בית המדרש החדש והמפואר
ביהמ"ד ישמח משה – דקהל יטב לב דסאטמאר
שכונת ברך משה – קרית יואל יע"א
בנשיאות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א

**פתחו שערים ויבוא גוי צדיק:**



## התרגשות דקדושה אין שכונת ברך משה-קרית יואל צום עפענונג פונעם פרעכטיגן ביהמ"ד החדש "ישמח משה" דקהל יטב לב

צווייט-גרעסטער בית המדרש אין עיר גדולה לאלקים קרית יואל יע"א - פיר שטאק וועט אנטהאלטן: מקוה טהרה\היכלי תורה ותפילה\בית הוראה\און אלע אנדערע הצטרכות'ער - שמחה דקדושה צום עפענונג פונעם צענטראלער מקום תורה ותפילה פאר די גאנצע אומגעגנט **(זייט ב')**

**יום שבתון אין לשכוח:**

## שמחה עילאה צום געהויבענער "שבת חנוכת ביהמ"ד" בהשתתפות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א

שכונת ברך משה איינגעהילט אין התרגשות'דיגער שטימונג שב"ק פר' נצבים העעל"ט ביי תפילת ליל שב"ק ועריכת שלחן הטהור – דברי אלקים חיים פונעם רבי'ן שליט"א בנוגע קדושת בית מקדש מעט און דברי פתיחת השערים פון הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן ורב הביהמ"ד דינט אלס פאסיגסטע התחלה – שמחה'דיגער קידושא רבא שבת קודש אינדערפרי לרגל המאורע הנשגבה **(זייט ג')**

כראנאלאגישער
## איבערבליק
**אויף די מלאכת הבני' כסלו תשע"ב – תשרי תשע"ג**

**(זייט ו')**

**לך בכח"ך זה:**

## 28'סטער בנין אדיר אין קרית יואל דורכן עבוד"ת הכה"ן פון הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזנבערג הי"ו

**(זייט ה')**

**ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם:**

## ספעציעלע געלעגנהייט פראָקלאַמירט צו פאַראייביגן זכותים אדירים בין כותלי ביהמ"ד

**(זייט ה')**



**פתחו שערים ויבוא גוי צדיק:**

# התרגשות דקדושה אין שכונת ברך משה־קרית יואל צום עפענונג פונעם מאיעסטעטישער ביהמ"ד החדש "ישמח משה" דקהל יטב לב

**היכל בית המדרש אנטהאלט העכער 6,000 סקווער-פיס - פיר שטאק אנטהאלט: מקוה טהרה\היכלי תורה ותפילה\בית הוראה\און אלע אנדערע הצטרכות'ער - שמחה דקדושה צום עפענונג פונעם צענטראלער מקום תורה ותפילה פאר די גאנצע אומגעגנט**

שכונת ברך משה, קרית יואל. — ס'איז פשוט א נחת רוח גשמי ורוחני צוצוזען ווי עס זעצט פאר דער בליה און וואוקס פון די הייליגע שטאט קרית יואל כ"י אויף א הערליכן אומגלויבליכן פארנעם, און די הרחבת גבולי הקדושה גייט אן אויף א זעלטענעם אופן, בסייעתא דשמיא ובכוחו של אותו זקן מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, מחולל ומייסד העיר, ותחת נשיאת קדשו פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, מרא דאתרא.

אין אלע ווינקלען פון שטאט וואו עס קומען צו פרישע געגנטער און דעוועלאפמענטס, שטייגט נאטורליך די רוחניות'דיגע געברויכן, נעמליך אהערצושטעלן בתי מדרשים פאר די תושבי השכונה אלס א מקום תורה ותפילה און קביעות עתים לתורה אויף א הערליכן פארנעם.

אויפשטעלן בתי מדרשים איז שוין היינט נישט קיין נייעס, ובפרט אינעם קרית מלך רב — קרית יואל, ווען פרישע בתי מדרשים לתורה ולתפילה ווערן רעגלמעסיג אויפגעשטעלט אלס פראכטפולע תורה ותפילה צענטערן פאר פילצאליגע תושבים פון די געגנטער.

אבער דער איצטיגער מקום תורה ותפילה וועט בעז"ה ערפולן א שטארקער חלל וואס שפירט זיך שוין א לענגערע צייט, און דער נחיצות הענין ווערט בלויז פארשטערקערט מיטן יעדן פארבייגייענדער טאג, ווען אלע זענען עדות אז דער הערליכער און שפרודלדיגער געגענט "שכונת ברך משה" — על שמו של מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע — וואקסט און בליעט לשם ולתפארת, און שטייגט אויס אלס איינע פון די גרעסטע געגענטער דאהי אין די שטאט, און דער ביז-איצטיגער צייטווייליגער ביהמ"ד איז שוין פון לאנג אויסגעלאפן פון פלאץ צו קענען אקאמאדירן דעם וואקסנדער געברויך, כ"י.

עס איז שטארק צום דערקענען די אויסטערלישע השפעה וואס דער חשוב'ער רב הביהמ"ד, הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן האט אריינגעברענגט אין די גאנצע אומגעגנט, הייבנדיג דעם רוח של תורה און פולע הויפענעס מיט התרוממות אין די גאנצע סביבה, זייענדיג משפיע מהוד תורתו מיט שיעורים תמידין מידי יום ביומו ומידי שבת בשבתו, און טאקע דעריבער איז געווארן זעלבסטפארשטענדליך פאר יעדן אז מען דארף טון הלכה למעשה ווייל דער ביז-איצטיגער מקום תורה ותפילה איז שוין צר מהכיל, יעדע עטליכע טעג ציען זיך אריין פרישע תושבים, און מער און מער איינוואוינער זענען זיך קובע מקום אין דעם ביהמ"ד, אזוי אז ס'איז געווארן קריטיש וויכטיג צוצושטעלן א נייעם רחבות'דיגן מקום תורה ותפילה פאר די הונדערטער פרישע מתפללים ולומדים, תושבי השכונה שיחיו.

## בונים היכל: התחלת הבני'

נאכדעם וואס א קבוצה פון טעטיגע עסקני השכונה — אין שפיץ פון הגה"צ דער רב שליט"א - האבן פארמירט א "ועד קרן הבנין" להקמת הביהמ"ד און האבן זיך אריינגעווארפן אין די מלאכת הקודש מיט פלייס און ענערגיע, איז די פאקטישע בוי-ארבעט געלאזט געווארן אין גאנג מיט א קנאפע יאר צוריק, און בעז"ה אין אט די קורצע תקופה האבן זיי באוויזן דאס אומגלויבליכע און זוכה געווען צו דערגרייכן ביז אהער!

מיט די מיטהילף פון די חשוב'ע נכבדי וראשי הקהילה והקריה הי"ו אינעם עיר גדולה לאלקים קרית יואל יע"א — וועלכע זענען געשטאנען צו די רעכטע האנט בכל מה דאפשר התחלת מלאכת הבני' — און נאכדעם וואס "ועד הקריה" האט אוועקגעשאנקען דעם ריזן שטח לצורך הקמת הביהמ"ד, איז אויסגערעכנט געווארן די פוקנטליכע געבוי און געשטעל פונעם פראכטפולן בנין, כדי צו קענען אהערשטעלן די געניוע פלענער צו פארנוצן

## ישמ"ח מש"ה במתנת חלקו

דער נייער ביהמ"ד "ישמח משה" אין שכונת ברך משה, קרית יואל, וועט בעז"ה דינען אלס דער ערשטער גרויסער ווירבלדיגער בית המדרש לתורה ותפילה על שמו ולזכרו הקדוש פונעם גרויסן אבי השולשלתא דדהבא, מרן הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, דער גרויסער ראש המשפחה פון מרנן רבותינו הק' מגזע עצי התמרים זיעועכ"י.

דער פראכטפולער בית הגדול והקדוש, וועלכע וועט באנוצט ווערן טאג טעגליך אויף צו פראקטיצירן די ג' עמודי עולם, תורה, עבודה, וגמילות חסדים, וועט אן קיין צווייפל זיין לנייחא רוחא בגנזי מרומים.

גלייכצייטיג וועט עס דינען אלס א נחת רוח בעולם העליון פאר מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס די געגנט "שכונת ברך משה" איז נקראת על שמו, ווען תלמידיו הנאמנים וועלן מקיים זיין הוראותיו והדרכותיו בקודש, און אוועקשטעלן דעם מקום קדוש כפי תקנתיהם ופקודותיהם, בנשיאת הקודש של מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א.

## עזרת נשים, א לוקסוס?

ס'איז ידוע ומפורסם וואס די וועלט טראגט ארום פונעם בעלזא'ער רב זי"ע, אז מ'האט אמאל נישט געהאט קיין פלאץ אין ביהמ"ד פארן ציבור האט מען געקלערט אז מ'זאל זעצן דעם עולם אויך אין ווייבער-שוהל, אבער דער בעלזא'ער רב זי"ע האט נישט געלאזט בשום אופן, זאגענדיג אז: "א ביהמ"ד אן קיין ווייבער-שוהל איז קיין ביהמ"ד!" - און ער האט צוגעלייגט א מורא'דיגן הסבר דערצו — "ווייל די תפילות פון אידישע קינדער ווערן נתעלה, דורך די ערליכע טרערן וואס ווערט פארגאסן אין די עזרת נשים".

האלטנדיג די הייליגע ווערטער פאר די אויגן, שווימען ארויף אין זכרון וויאזוי עס האט אויסגעזעהן בלויז איין יאר צוריק, ראש השנה תשע"ב העעל"ט, ווען מ'האט פרובירט מסדר צו זיין א ספעציעלער "זמן תקיעת שופר לנשים" אינעם אלטן צייטווייליגן ביהמ"ד, אבער עס איז געווען אוממעגליך אדורכצופירן.

דער היכל הביהמ"ד איז באלד געווארן איבערגעפולט, און עס איז שוין נישט געווען מעגליך אריינצוקומען אין ביהמ"ד, עד כדי כך אז מען איז געווען געצווינגען צו עפענען די פענסטער פון ביהמ"ד, כדי די פילצאליגע נשים צדקניות וועלכע האבן נישט עספיעט אריינצוקומען אין ביהמ"ד צוליב'ן געדרענג, זאלן קענען מיטהאלטן די תקיעות פון די גאס!...

אזוי אויך דורכאויס ס'גאנצע יאר איז דער עזרת נשים בכלל נישט געווען מעגליך צוצורישן כראוי וכנכון, און טאקע דערפאר הערשט א שמחה דקדושה אצינד, נאכדעם וואס מ'האט באוויזן צוצורישן א העכסט-הרחבה'דיגער עזרת-נשים מיט עטליכע הונדערט זיץ-פלעצער, לכבוד ולתפארת.





יעדעס שטיקל פלאץ לויט די בעסטע מעגליכקייטן, און איבערמידליכע כוחות זענען אריינגעלייגט געווארן אהערצושטעלן דעם בית הגדול והקדוש אויף שענסטן און בעסטן פארנעם.

איבערמידליכע כוחות זענען אריינגעלייגט געווארן אהערצושטעלן דעם בית הגדול והקדוש אויף שענסטן און בעסטן פארנעם, די ענדגילטיגע בוי-פלענער זענען פרעזענטירט געווארן פאר די די תושבי השכונה זעלבסט, וועלכע האבן צוגעלייגט זייערע פארשלאגן/געדאנקען/הערות לפאר ולרומם בית ד', דאן איז דער גאנצער ריזיגער שטח הביהמ"ד פולקאם אויסגעגראבן געווארן, די יסודות זענען געגאסן געווארן, און דער מאיעסטעטישער סטרוקטשור פון די געביידע איז ארויפגעצויגן געווארן לכבוד ולתפארת, לנחת רוחם פון אלע תושבי השכונה שיחיו בפרט, ותלמידי וחסידי סאטמאר בכלל, וועלכע האבן געשעפט תענוג ונחת דקדושה צוזעענדיג די שנעלע בוי-פארשריט, און זיך וואונטשנדיג צום "ותשלם כל המלאכה".

בו בזמן וואס די מלאכת הקודש איז אנגעגאנגען, האט דער "ועד קרן הבנין" אנגעקלאפט על פתחי נדיבים בעם, הנגידים החשובים תלמידי וחסידי סאטמאר שיחיו, אויפצואורבעטן גרעסערע נדבות און פארקויפן זכותים אדירים פון תורה, עבודה, גמילות חסדים אינעם נייעם פראכטפולן בית מקדש מעט, צו קענען דעקן די ריזיגע בוי-קאסטן וואס דער ריזיגער אונטערנעמונג ציעהט ארייַן.

בסייעתא דשמיא איז באוויזן געווארן דאס אומגלויבליכע, ווען אין ווינציגער ווי א יאר איז ערמעגליכט געווארן דער עפענונג פון די שערי ביהמ"ד החדש, וועלכע איז א פראכטפולער פיר שטאקיגער בנין אדיר ומפואר דינענדיג אלס דער צווייט-גרעסטער בית המדרש אין עיר גדולה לאלקים קרית יואל יע"א, און אנטהאלט אין זיך א היכל הגדול לתפילה אין די גרויסקייט פון העכער 6,000 סקווער-פיס /מקוה מהודרה/היכלי תורה ותפילה/בית הוראה/און אלע אנדערע הצטרכות'ער, און טראצדעם וואס עס איז נאכנישט פארפולקאמט און צוגעענדיגט דינט עס אבער דעם געוואונטשענעם ציהל: פאר א הרחבה'דיגער מקום תורה ותפילה פאר אלע תושבי השכונה ומתפללי הבית המדרש שיחיו, און א תל תלפיות, שהכל פונים אליו. והבית בהבנותו.

---

**יום שבתון אין לשכוח:**

# שמחה עילאה צום געהויבענער "שבת חנוכת ביהמ"ד" בהשתתפות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א

**שכונת ברך משה איינגעהילט אין התרגשות'דיגער שטימונג שב"ק פר' נצבים העעל"ט ביי תפילת ליל שב"ק ועריכת שלחן הטהור – דברי אלקים חיים פונעם רבי'ן שליט"א בנוגע קדושת בית מקדש מעט און דברי פתיחת השערים פון הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן ורב הביהמ"ד דינט אלס פאסיגסטע התחלה – שמחה'דיגער קידושא רבא שבת קודש אינדערפרי לרגל המאורע הנשגבה**

"ישמח מש"ה במתנת חלקו"! מיט אן התרגשות דקדושה ובשמחה רבה האבן די הונדערטער תושבי השכונה שיחיו געפראוועט דעם געהויבענעם שבת קודש "חנוכת בית המדרש", צו די פייערליכע מאורע ווען עס זענען געעפנט געווארן די טויערן פונעם הערליכן און פראכטפולן בנין בית המדרש החדש "ישמח משה" דקהל יטב לב דסאַטמאַר, און דערמיט איז אויפגעמישט געווארן א נייַ בלעטל פון הרחבת גבולי הקדושה אינערהאלב די הייליגע שטאט קרית יואל יע"א און ספעציעל אינעם בליענדער געגנט "שכונת ברך משה", בנשיאת קדשו פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א.

דער גאנצער שבת קודש איז געפראוועט געווארן ברוב פאר והדר מיט א גאר געהויבענעם געפיל, און איז פארוואנדלט געווארן אין איין לאנגער קייט פון התרוממות הנפש און שמחה דקדושה ביי אלע תושבי השכונה, און דער יום טוב'דיגער שטימונג און רוח מרומם וואס האט אדורכגענומען אלע חברי הקהילה שיחיו איז געווען די ריכטיגע התחלה און חינוך הביהמ"ד לתורה ולתפלה, וואס וועט בעז"ה פארגעזעצט ווערן בקביעות מיט גרויס דערהויבנקייט לשמחת לב תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די וועלט.

## הכנה דרבה – ותשלם כל המלאכה

ווי נאר עס איז פארשפרייט געווארן דער מעלדונג אז דער פתיחת שערי הבית המדרש איז באשטימט אויף שב"ק פר' נצבים העעל"ט, מיטן פערזענליכן באטייליגונג פונעם גרויסן מרא דאתרא מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, האט עס באלד ארויסגעברענגט א פלייץ פון פרייד ביי אלע תושבי השכונה, און יעדער תושב אין שכונת ברך משה איז פארוואנדלט געווארן אין אן עסקן...

בלויז עמיצער וואס האט אנטיילגענומען אינעם בליץ-שנעלן אויפבוי פונעם ביהמ"ד הגדול דסאטמאר אין וויליאמסבורג, יענעם באקאנטן ערב ראש השנה העעל"ט – בשעת ווען תלמידי וחסידי סאטמאר זקנים עם נערים האבן מיט הארץ און געפיל צוגעלייגט א האנט אז אלעס זאל פארפולקאמט ווערן בעתו ובזמנו – נאר אזא איינער וועט אביסל פארשטיין דעם בילד וויאזוי עס האט אויסגעקוקט אין שכונת ברך משה ערב שבת פתיחת השערים, דער התרגשות, די שמחה דקדושה, דער התלהבות ביי יעדן איינעם צוגלייך, ועל כולם: דער הארץ און געפיל צוצולייגן א פלייצע.

חשוב'ע תושבי השכונה שיחיו האבן איינגעלאדנט זייערע עלטערן און שוויגער-עלטערן מיטצוהאלטן דעם געהויבענעם שבת קודש בצל הקודש, און מיטלעבן די מאורעות משמחת אין די געגנט בשעת'ן פתיחת השערים בזמן שהצדיק בעיר.

מטעם הנהלת הביהמ"ד זענען ספעציעל געלאדנט געווארן די חשוב'ע הנהלת הקהילה והקרי', וועלכע האבן געהאט אן אקטיוון חלק אינעם שנעלן אויפבוי פונעם בית הגדול והקדוש, שטייענדיג לימינם פון די חשוב'ע עסקני הביהמ"ד על כל צעד ושעל במסירות נאמנה על כל אורך הדרך.

אלס אן הכנה צום געהויבענעם מאמענט זענען פארגעלערנט געווארן א סעריע פון שיעורים בהל' קדושת בית הכנסת, דורך צוויי חשוב'ע מרביצי תורה הרה"ג רבי יואל קאהן שליט"א און הרה"ג רבי יואל גוטמאן שליט"א ממגידי שיעור בביהמ"ד, וויאזוי מ'דארף זיך צוגרייטן כראוי וכנכון, וואס האט געדינט אלס פאסיגע הכנה דרבה צו אזא היסטארישע מאורע חשובה ונשגבה.

דאנערשטאג אוונט האט זיך געשפירט אין די געגנט אין די בחינה פון "לילה כיום יאיר", ווען יעדער איז געווארן אן אקטיווער מיטגליד אינעם "ועד קרן הבנין", מען האט רענאווירט, צוגערישט, און מסדר געווארן דעם גרויסן היכל הביהמ"ד; אויסגעשטעלט פרישע צייטווייליגע טישן און בענק כראוי וכיאות לפאר ולרומם בית ד', און אזוי אויך אלע אנדערע הצטרכות'ן און איינריכטונגען לכבוד ולתפארת.

נאכדעם וואס אלע לעצט-מינוטיגע הכנות לקראת שבת נועם הנשמות זענען צוגערישט געווארן באופן נאה ומתוקן, האט דער ציבור זיך געגרייט בהכנה דרבה און מיט א פלאם פייער צום געהויבענעם און פייערליכן שבת קודש.

ג

# השלם זה הבנין

צום פייערליכן מעמד חנוכת בית המדרש החדש והמפואר
ביהמ"ד ישמח משה – דקהל יטב לב דסאטמאר
שכונת ברך משה – קרית יואל יע"א
בנשיאות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א



## פתחו לי שערי צדק

הארט בעפאר זמן כניסת השבת איז דער רבי שליט"א ערשינען אין די געגנט, און איז באלד צוגעפארן צום נייעם ביהמ"ד און קובע געווען די ערשטע מזוזה אויף איינע פון די הויפט-טויערן, און דאן איז דער רבי שליט"א צוגעפארן צום ביז-איצטיגן בית המדרש – וועלכע איז ספעציעל דעזיגנירט געווארן פארן רבי'ן שליט"א דורכן שבת – זיך צוצורישן לקראת שבת קודש.

ווען דער ציבור איז אריינגעקומען אין היכל הבית המדרש פרייטאג צונאכטס - ווען דער נייער און פראכטפולער בית מקדש מעט איז צום ערשטן מאל נתחנך געווארן - האט מען געקענט טאפן אין די לופטן דער התרגשות'דיגער און ברודערליכער געפיל וואס האט ארומגענומען יעדן איינעם, דער פראכטפולער און הערליכער היכל הבית המדרש החדש איז געווען מלא על כל גדותיו, און א געהויבענער שטימונג האט ארומגענומען יעדן באזונדער, כי יום זה גדול וקדוש הוא לפניהם.

ס'האט געטראגן א ספעציעלער באדייט ווען דער רבי שליט"א האט יורד געווען לפני התיבה צו תפילת מנחה, זאגנדיג די ווערטער "יודו לה' חסדו ונפלאותיו", ספעציעלע פאר אלע עסקני הביהמ"ד און יעדער וואס האט צוגעלייגט א האנט דורכאויס'ן יאר. דער דאווענען האט אריינגעברענגט דעם גאנצן ציבור אין א רוח מרומם, און האט געדינט אלס א פאסיגע התחלה צום פתיחת שערי הביהמ"ד.

לרגל דער שמחה'דיגער מאמענט פאר אלע תושבי השכונה האט הגה"צ דער רב שליט"א משמיע געווען גאר ווארימע ווערטער בעפאר קבלת שבת, ארויסהייבנדיג די רגשי הלב פון יעדן מתושבי השכונה זייענדיג מקבל פנים דער רבי'ן שליט"א.

דערביי האט דער רב שליט"א אויסגעדרוקט א ספעציעלן הכרת הטוב פאר אלע וועלכע האבן צוגעלייגט א פלייצע למלאכת הבנין, און האט מדגיש געווען דער רוחניות'דיגער התחייבות וואס אזא מאמענט פאדערט פון יעדן באזונדער, אינאיינעם אוועקשטעלן א נייעם מקום קדוש בלויז אויף תורה ותפילה, כפי תקנת הקהילה, ושאיפת הקודש פונעם רבי'ן שליט"א.

נאך די ווארימע דיבורים האט דער ריזן ציבור מקבל שבת געווען מיט אן אויסטערלישער התלהבות, וועלכע איז פארגעדאווענט געווארן מיט גרויס געהויבנקייט דורך הרה"ג רבי חיים יעקב רוקח שליט"א, חתן הגה"צ דער רב שליט"א ובן הגה"צ רבי יואל רוקח שליט"א אבדק"ק קאזלאוו-מאנסי.

לרגל המאורע זענען די ניגונים ביי לכה דודי באגלייט געווארן דורך א קאפעליע ממשוררי השכונה וועלכע האבן מהנה געווען דעם ציבור מיט א הערליכע ניגוני שמחה, און אן אויסטערלישער התלהבות'דיגער שטימונג האט געהערשט ביי לא תבושי, ווען עלטערן – וואס מחמת ריחוק המקום קומען זיי נישט אן צו דאווענען פרייטאגס צונאכטס מיט די קינדער אין בית המדרש הגדול - האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויפגעהויבן די קליינווארג צו כאפן א בליק בעת די ריקודין פונעם רבי'ן שליט"א.

נאכן דאווענען האט זיך דער ריזן ציבור תושבי השכונה, זקנים עם נערים, אדורכגעשלענגלט א לענגערע צייט "גוט שבת זאגן" פארן רבי'ן שליט"א, און מ'איז אהיימגעלאפן עסן די סעודה, זיך גרייטנדיג צוריקצוקומען צום געהויבענעם עריכת השלחן הטהור.

## זה השלחן אשר לפני ה'

טראצדעם וואס א פרייטאגס צונאכטס טיש בצל הקודש איז נישט קיין חידוש אין קרית יואל, דאך איז אבער א טיש אין "שכונת ברך משה" שוין יא א חידוש. און אויב איז דער תפילת ליל שב"ק געווען אין די בחינה פון "לעילא מכל ברכתא", איז דער טיש ווירקליך ווערד צו באצייכענען "לעילא ולעילא", טראגנדיג א שמחת תורה'דיגע אטמאספערע.

מיט א פייערדיגן קאך והתלהבות דקדושה האט דער ציבור תושבי העיר – אנשים נשים וטף – מיטגעלעבט און מיטגעהאלטן דעם געהויבענעם עריכת שלחן הטהור, וועלכע איז אויך באגלייט געווארן דורך א ספעציעלע קאפעליע ממשוררי השכונה, וואס האבן אנגעפירט מיט די זמירות ליל שבת.

נאך די אמירת דברי תורה פונעם רבי'ן שליט"א אויף די פרשת השבוע בציצים ופרחים על דרך דרוש ופלפול כדרכו בקודש, האט דער רבי שליט"א אוועקגעשטעלט דברי הדרכה ויסוד בנוגע קדושת בית מקדש מעט, וויאזוי די תפילות ישראל ווערן נתקבל אין אזעלכע בתי מקדש מעט וואו די ווענט ווערן נישט פארשמירט מיט שיחות בטילות ודברים אסורים, און איבער די הבטחה פון "עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל" ביי די גאולה השלימה, די ווערטער – וועלכע זענען געזאגט געווארן ספעציעל פאר די תושבי השכונה – האבן איבערגעלאזט א שטארקן רושם, און האבן געשטעלט דעם יסוד פארן נייעם בית המדרש, צו וויסן את הדרך נלך ואת המעשה אשר יעשון, וויאזוי זיך נוהג צו זיין אין אזא מקום תורה ותפילה בקדושה ובטהרה.

כנהוג, האט דער רבי שליט"א דערציילט סיפורי צדיקים פון הרה"ק מהר"ד מבעלזא זי"ע – וועמענ'ס יארצייט איז אויסגעפאלן יענע וואך – און צווישן אנדערן האט דער רבי דערציילט אז טראצדעם וואס אין בעלזא האט מען נישט געלייגט קיין מזוזות אויפן בנין הבית המדרש, האט אבער דער בעלזא'ער רב געקושט די שוועל אדורכגייענדיג די טיר, זאגענדיג אז "א בית המדרש פארמאגט א קדושה פונקט ווי א מזוזה".

מיטן כיבוד פון ברכת המזון על הכוס האט דער רבי שליט"א מכבד געווען חתנו כבנו, הגה"צ דער רב שליט"א.

און נאכן זיך ארויסלאזן אין אן התלהבות'דיגן טאנץ פון 'אז ביום השביעי נחת' איז זיך דער ציבור צעגאנגען אנגעזאפט מיט באגאדזשן פון חיזוק והתעלות. און אין די גאר שפעטע נאכט שעה'ן האט דער ריזן ציבור באגלייט דעם רבי'ן שליט"א לענגאויס דעם הויכן "ברך משה בארג", ווען דער רבי שליט"א האט זיך צוריקגעקערט לביתו נאוה קודש.

## קידושא רבא בצפרא דשבתא

שוין אין די פריע פארטאגס שטונדן איז דער היכל הביהמ"ד געווארן באזעצט מיט אידן וועלכע האבן מקיים געווען דעם מקדמין לבי כנישתא, אויסנוצנדיג דעם געשמאקן לופטיגן היכל הבית המדרש אויף צו לערנען בהשכמה און זיך צוגרייטן צום דאווענען כראוי וכנכון.

באלד נאכן דאווענען איז געפראוועט געווארן א ספעציעלער "קידושא רבא" לכבוד די געהויבענע געלעגנהייט, מיטן באטייליגונג פון א חשוב'ן גאסט הרה"ג רבי דוד פערל שליט"א מרביץ תורה ומגיד מישרים בקרית יואל יע"א, וועלכע איז געקומען זיך מיטפרייען און מיטהאלטן די געהויבענע מאורע, און האט אויפגעטרעטן מיט ווארימע ווערטער לכבוד די געלעגנהייט צום עפענונג פונעם נייעם בית המדרש.

עס איז געווען אן ערהאבן בילד זיך צוצוקוקן צו די שמחה פונעם ברייטן ציבור, וועלכע האבן זיך משמח געווען צום געהויבענעם מאמענט מיט א שטארקע התרגשות, זינגענדיג ניגוני שמחה לכבוד המאורע, און זיך וואונטשענדיג: כה לחי!

ספעציעל-צוגעפאסטע ווערטער לכבוד המאורע האט משמיע געווען הגה"צ דער רב שליט"א, וועלכער האט ארויסגעהויבן די שמחה דקדושה וואס שפירט זיך ביים גאנצן ציבור מתפללי הביהמ"ד, און דער התחייבות וואס אזא מאמענט דינט פאר יעדן איינעם צוגלייך. און דערנאך איז דער ציבור זיך צעגאנגען מיט געהויבענע געפילן, וואונטשענדיג איינער פארן אנדערן אז מען זאל האבן די זכי' מרומם צו זיין דער קרן התורה ועבודה ביתר שאת ועוז.

נאך אזא גייסטרייכער און מלא תוכן'דיגער שבת קודש, שטעלט זיך ארויס אז דער נייער הערליכער בית מקדש מעט איז א כבוד און א שטאלץ פארן אבי השושלת מרן הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע – וואס דער ביהמ"ד איז נקראת על שמו – און פאר רבותינו הק' מסאטמאר זי"ע, צוזעענדיג די הייליגע המשכה אויף אזא הערליכן פארנעם. השבת נועם הנשמות.





**ונתתי להם בביתי ובחומותי יד ושם:**

# ספעציעלע געלעגנהייט פראָקלאַמירט צו פאַראייביגן זכותים אדירים בין כותלי ביהמ"ד

עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז צו פארפולקאמען אזא ריזיגער אינטערנעמונג קאסט אפ א הון תועפות, און כדי דאס זאל פולקאם פארענדיגט ווערן בעז"ה פאדערט זיך נדבת לבבם פון אנשי שלומינו אומעטום, וועלכע ווענלן אזוי ווי שטענדיג זיך צוכאפן צו אזא גאלדענעם געשעפט, זיך איינצוהאנדלען א שותפות אינעם לימוד התורה, עבודת התפילה, ויראת שמים, וואס די זכותים דערפון זענען אומאפשאצבאר.

מטעם דער "קרן הבנין – פאנדרעיזינג קאמיטע" ווערט – לאור זאת - אונטערגענומען א ספעציעלער קאמפיין פארצושלאגן פאר נדיבים בעם ובעלי יכולת, אפצוקויפן א רייע פון פארבליבענע זכותים אדירים ונשגבים אינעם בנין הבית מדרש, פראכטפולע טויערן, היכלי תורה ולתפילה, בורות לטבילה, בימות ועמודי תפילה, און נאך גרעסערע זכותים וואס איז מעגליך אפצוקויפן אלס זכות נצחי פאר זיך אדער פאר נשמות פון עלטערן און קרובים בעולם העליון, און ווערן א שותף אין אזא ריזן תורה ותפילה אפאראט.

באזונדער ווערט פרעזענטירט צוגענגליכע זכותים פאר ספעציעל באשטימטע פרייזן וואס איז שוה לכל נפש, א שטייגער ווי: טישן און בענק וכדומה, וואס דאס וועט ערמעגליכן אז יעדער אן אויסנאם זאל האבן די מעגליכקייט זיך איינצוקויפן א זכות נצחי בהקמת בית המדרש החדש.

תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל, און די תושבי השכונה בפרט, וואונטשן פאר די אלע חשוב'ע עסקנים וועלכע זענען עוסק אין דעם פראיעקט, אז זיי זאלן ווייטער מצליח זיין אין זייער אונטערנעמונג להרחבת גבולי התורה והקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה. ועשו לי מקדש.

---

**לך בכח"ך זה:**

# 28'סטער בנין אדיר בק"ק קרית יואל יע"א אויפגעשטעלט בעבודת הכה"ן דורך הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזנבערג הי"ו

לך בכח"ך זה! – דאס איז דער וואונטש פון קהילה קדושה סאטמאר יע"א אין ריכטונג פונעם בארימטן בונ"ה עולמות של תורה, הכהן הגדול מאחיו, הרה"ח רבי אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, וועמענס נאמען איז שוין נודע ומפורסם אלס דער בוי-אונטערנעמער בה"א הידועה וואס האט שוין מיט אזא אויסטערלישע געטריישאפט און מומחיות זוכה געווען אויפצושטעלן און אונטערצונעמען 28 מאסיווע פראיעקטן און פרעכטיגע בנינים אדירים לצורך ק"ק סאטמאר, פארן באנוץ פון די קהילה ומוסדות הק' אינעם קרית מלך רב, קרית יואל יע"א.

באגלייט מיט יארן ערפארונג און עקפערטיז האט הרה"ח ר' אביגדור הי"ו גענומען אויף זיינע פלייצעס אויך דער איצטיגער מאסיווער פראיעקט, און דורכאויס די גאנצע צייט איז ער געשטאנען – און שטייט ווייטער – בראש מלאכת הקודש, מיט א אויסטערלישע געטריישאפט און מסירות נאמנה, באגלייטנדיג די עסקני הביהמ"ד מיט איבערגעגעבנקייט און איבערמידליכע כוחות אהערצושטעלן דעם בית הגדול והקדוש אויף שענסטן און בעסטן פארנעם.

אפגעזעהן פונעם פאקט אז רבי אביגדור הי"ו האט באוויזן אהערצושטעלן אזא מאסיוון פראיעקט אין אזא בליץ-שנעלקייט, וועט יעדער באזוכער מעיד זיין אז ער האט ווירקליך אהערגעשטעלט א כלילת יופי, אויפבויענדיג במעשי ידי אומן אזא מאיעסטעטישער בנין כליל תפארת, לכבוד בית ה' אלקינו ולתפארת קהל עדתינו.

סאטמארער חסידים וואונטשן אים ברכה והצלחה בכל מעשי ידיו, און ער זאל ווייטער שפאנען פאראויס מיטן אהערשטעלן מאסיווע פראיעקטן לתורה ועבודה וגמילות חסדים לצורך קהלתינו הק', להגדיל תורה ולהאדירה. כה לחי.

---

# דברות קודש

**מאת**

## מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א

**אצל מעמד "חתימת השטרות"**
**שע"י מגבית "יסוד הבית" להקמת הביהמ"ד**

מען קומט דא אין די געגנט 'שכונת ברך משה', אינעם צייטווייליגן בית המדרש. דער אייבערשטער האט געהאלפן אז עס איז שוין ענג דאס בית המדרש. עס ציען זיך אריין נייע פרישע תושבים. עס איז ב"ה א שיינע געגנט. בויט מען יעצט אויף נייע מקום פאר'ן בית המדרש, א ביהמ"ד לשם ולתפארת כראוי וכיאות לכבודה של תורה לרומם בית אלקינו, א בית המדרש צו דאווענען און לערנען, שטיבלעך פאר מנינים מיט א מקוה. גרויסע שטעט און קהילות אין דער אלטער היים האבן נישט געהאט אזא בית המדרש.

ווי פאַרשטענדליך, אויפצובויען אזא בית המדרש קאסט אפ מיליאָנען. אזא גרויסע געביידע ווערט נישט אויפגעבויט אין איין טאָג. עס קומט אן שווער, בפרט אַז עס איז אזא דבר שבקדושה, א בית המדרש צו לערנען און דאווענען, תורה עבודה גמילות חסדים, שטערט דאָס דער ס"ם. אבער מען דארף וויסן אַז מען דארף טון. דער טאַטע ז"ל פלעגט זיין רגיל על לשונו דער פסוק "וברכתיך בכל אשר תעשה" אז מען וועט טון השתדלות און גיין נאך געלט וועט דער אייבערשטער שוין אריינשיקן די ברכה און צושיקן נדבנים.

דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל אויפבויען א שיין גרויס בית המדרש, עס וועט זיין א כבוד פאר קרית יואל! א כבוד פאַר'ן פעטער זכרונו לברכה וואס די שטאט הייסט על שמו! א כבוד פארן טאַטן זכרונו לברכה וואס די געגנט איז נקרא על שמו.

דער אייבערשטער וועט העלפן די תפילות וועלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון מען וועט קענען זיצן און עוסק זיין בתורה מיט הרחבת הדעת. דער אייבערשטער זאל העלפן מיין איידעם דער רב, ער זאל קענען פירן דאס בית המדרש מיט סייעתא דשמיא און הרחבת הדעת על מי מנוחות אָן קיין עגמת נפש. דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל הערן בשורות טובות ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה, בב"א.



ליסוד והקמת הביהמ"ד:

# פאנטאסטישע סומע פון 1.5 מיליאן דאללאר להקמת הביהמ"ד געשאפן דורך תושבי השכונה שיחיו

מיט עטליכע חדשים צוריק איז דער רבי שליט"א ערשינען אינעם אלטן צייטווייליגן ביהמ"ד צו א ספעציעלער "מעמד חתימת השטרות" וועלכע איז פאררופן געווארן מיטן ציהל אנצושליסן דעם ציבור תושבי השכונה מיטן סכום פון 1,800$ להקמת הביהמ"ד, להם ולבניהם.

מיט קורצע דברי ברכה האט דער רבי שליט"א שטארק משבח געווען די פעולות פון די חשובע תושבי השכונה, וועלכע נעמען אויף זיך דעם עול און השתדלות זיך אנצושליסן מיט אזא הערליכע סכומים למען הקמת הבית מדרש החדש, און ער האט צוגעוואונטשן פאר חתנו כבנו, הגה"צ דער רב שליט"א, ווייטער זוכה צו זיין צו פירן דאס ביהמ"ד מיט גרויס סייעתא דשמיא על מי מנוחות, לכבוד ולתפארת פאר מרנן רבותיה"ק מסאטמאר זי"ע, מרן רביה"ק בעל דברי יואל שליט"א וואס די שטאט קרית יואל איז נקראת על שמו הק', און מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע, וואס די געגנט "שכונת ברך משה" איז נקראת על שמו הק'.

דאן איז דער רבי שליט"א אריינגעגאנגען אינעם ספעציעלן "בית הוראה שטיבל" פונעם רב שליט"א, און דער ריזן ציבור פון העכער הונדערט תושבי השכונה האבן זיך געשטעלט אין די רייע מיט די ספעציעלע "שטרות", וואו זיי זענען מקבל אויף זיך די סומע פון 1,800$ און העכער למען הקמת הביהמ"ד החדש, און עס איז גע'חתמ'ט געווארן דורך הגה"צ דער רב שליט"א, די חברי "ועד קרן הבנין", און דאן איז עס אריינגעטראגן געווארן אל הקודש פנימה צום רבי'ן שליט"א, וועלכע האט באזונדער גע'חתמ'ט אויפן שטר לטובה ולברכה פאר אלע משתתפים חשובים שיחיו.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז ביי יענעם מעמד איז צונויפגעזאמלט געווארן די פאנטאסטישע סומע פון א פערטל מיליאן דאללער למען הקמת ביהמ"ד החדש בלויז פון די חשובע תושבי השכונה אליינס, און דאס האט געגעבן א שטארקן שטופ פאר די חשובע עסקנים, זעענדיג וויאזוי די תושבי השכונה האבן מקיים געווען דעם "זריזין מקדימין למצוות" און אויסגעצאלט פון פאראויס גרעסערע סכומים למען הקמת הביהמ"ד, און דערמיט האבן זיי זיך איינגעהאנדלט א שותפות'דיגן חלק אין "שטעלן א פונדאמענט" פאר תורה, עבודה, וגמילות חסדים, וואס וועט ארויסקומען מבין כותלי הביהמ"ד, לעד ולנצח!

זינט דאן זענען שוין צוגעקומען מערערע פרישע תושבים אין די געגנט, וועלכע האבן נארוואס געענדיגט קלאוז'ן אויף א דירה, אבער אין די זעלבע צייט האבן זיי געשפירט פאר וויכטיג צו דעזיגנירן לכה"פ 1,800$ להקמת הבית הגדול והקדוש, פאר זייער רוחניות'דיגער "הויז", וואו זיי וועלן שטייגן בתורה ובעבודה, צו לערנען און און דאווענען, כראוי וכיאות.

גלייכצייטיג האבן עטליכע נדבנים מתושבי השכונה זיך אנגערופן מיט גאר הערליכע גרעסערע סכומים, און א הערליכער מספר מתושבי השכונה האבן זיך משתתף געווען אינעם קאמפיין מיט 10,000$ און העכער, וואס דאס טוט אינאיינעם שאפן די פאנטאסטישע סומע פון אנדערהאלבן מיליאן דאללאר (1,500,000$), להקמת בית המדרש החדש והמפואר, בלויז פון תושבי השכונה! בורא עולם בקנין!

קטעים מתוך

## דבר פתיחת השערים

שהשמיע

### הגה"צ הרב דבית מדרשינו שליט"א

ליל שב"ק פר' נצבים – שבת חנוכת הביהמ"ד
בהשתתפות מרן רבינו הגה"ק שליט"א

"... ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה! בשם כל תושבי השכונה ובראשם הנהלת הבית המדרש און ועד קרן הבנין, ווילן מיר מקדם זיין בברכה והודאה אלע ראשי הקהילה וואס האבן זיך מטריח געווען בטירחא יתירה צו באשיינען די שכונה בעידן חדוותא.

ס'איז ידוע פון די קדמונים אז די מעלות און די גרויסקייט פון א יעדע דבר שבקדושה מעסט מען לויט דריי זאכן א) עולם ב) שנה ג) נפש.

לענינינו קענען מיר זאגן אויף דעם דרך אין אונזער פאל:

עולם: תלי"ת! מיר זענען זוכה צום פתיחת השערים פונעם בית המדרש וואס עס איז זיכער א מקום קדוש וואס איז ראוי להשראת השכינה וייל עס איז געבויט געווארען מיט מסירות נפש תרתי משמע, הן דאס וואס די די תושבי השכונה האבן זיך משתתף געווען מיט געלט יותר מכפי יכלתם פון וואס עס איז צוזאמגעשטעלט געווארן א סכום עצום, און דאס צווייטע איז די מסירות נפש פון די עסקנים בגוף במשך די גאנצע צייט, און עס איז ידוע מפי ספרים אז השראת השכינה איז לויט וויפיהל מען גיבט זיך אוועק מיט מסירות נפש.

שנה: מיר שטייען יעצט אינעם לעצטן שבת קודש פונעם יאר, און עס ווערט געברענגט פון תפארת שלמה אז דער לעצטער שבת איז מעלה די תפילות פון א גאנץ יאר, און אזוי אויך אויפן קומענדיגן יאר שטייט דאך אין זוהר הק' אז "כל ברכאן דלעילא ותתא ביומא שביעאה תליא", און אויב אזוי איז דאך ראש השנה ווען עס ווערט אנגעשריבן די גאנצע יאר תלוי אין דעם שבת.

נפש: ווער עס האט נאר געזעהן די שמחה עצומה ווי אלע תושבים האבן געפרייט מיט אזא התרגשות דקדושה ווען עס איז אנגעקומען די בשורה טובה אז דער שווער זאל זיין געזונט גייט זיין מיט אונז אויף שבת לכבוד די פתיחת שערים פונעם בית המדרש.

... הנה טוב ומה נעים אז מ'איז מחנך א בית אין אזא צייט ווען ס'איז דא א ברכה משולשת, סיי עולם און סיי שנה און סיי נפש, בראש פונעם שווער זאל זיין געזונט, דאס שטעלט אראפ דעם יסוד אויף אזא אופן אז מ'זאל קענען אויפבויען דערויף א המשך און א עתיד, ס'זאל זיין א בית גדול שמגדלין בו תורה ויראה, און דורות ישרים לה' ולתורתו הק'.

כ'בין היינט אריינגעגאנגען צום שווער אנצופרעגן וואס איבערצוגעבן דא פאר די אינגעלייט, האט מיר דער שווער געזאגט אז דער יסוד וואס א אינגערמאן דארף צו וויסן איז אז: דא איז א בית לתורה ולתפילה, און אז אלע תקנות הקהילה זענען מחייב יעדן איינציגן מתושבי השכונה.

תלי"ת, ס'איז נישט קיין נייער מקום, שוין דריי יאר געפונען מיר זיך שוין צוזאמען בתורה ובתפילה, און מיר זענען שוין אויסגעפרואווט געווארן, און שטענדיג האבן מיר געהערט דעם דעת תורה פון כ"ק דער שווער זאל זיין געזונט, על פיו יצא ועל פיו יבוא כל דבר, און נאר אזוי וועלן מיר קענען מצליח זיין בס"ד.

השי"ת זאל העלפן אז זכותו הגדול פונעם הייליגן זיידן בעל ישמח משה זי"ע, וואס דער ביהמ"ד איז נקראת על שמו, און כ"ק רבינו זי"ע בעל דברי יואל מייסד הקריה, און כ"ק דער זיידע בעל ברך משה וואס די שכונה איז נקראת על שמו, און אזוי אויך אלע צדיקים "ממשה ועד משה" זאלן אויף אונז מגין זיין, מיט א כתיבה וחתימה טובה, ושנת גאולה וישועה, אמן.

# כראנאלאגישער איבערבליק

## אויף די מלאכת הבני' כסלו תשע"ב – תשרי תשע"ג

שטייענדיג אצינד אין אזא היסטארישן מאמענט, ווען די תושבי קרית מלך רב קרית יואל יע"א בכלל, און די פילצאליגע תושבי "שכונת ברך משה" בפרט, האבן זוכה געווען צום ערעפענונג פון שערי ביהמ"ד החדש והמפואר "ישמח משה" דקהל יטב לב דסאטמאר – קרית יואל, ומלכם בראשם מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, צו דינען אלס דער יסוד פון תורה ותפילה, עבודה וגמ"ח, לנו ולבנינו.

אין אזא זמן פרישן זיך אויף די זכרונות-קעמערלעך, און אויפן געדאנק שווימען אויף אלע פריידיגע אנטוויקלונגען און פארשריט להקמת בית מדרשינו דורכאויס די לעצטע תקופה.

אין א פריידיגע צייט ווען די טויערן פונעם בית מדרשינו החדש ווערן געעפנט איז ווערד צו כאפן א איבערבליק – כשאנו לעצמינו, פאר אונז תושבי השכונה – איבער וואס האט זיך אפגעשפילט אין די לעצטע תקופה, זינט עסקני ותושבי השכונה, חברי ועד קרן הבנין, ובראשם הגה"צ רב דבית מדרשינו שליט"א, האבן זיך ארייגעווארפן אין די הייליגע ארבעט אהערצושטעלן אזא בית הגדול והקדוש, וועלכע וועט דינען אלס לייכט-טורעם פאר די גאנצע אומגעגנט בעז"ה, תחת נשיאת הקודש של מרן רבינו הגה"ק שליט"א.

הרואה את הנול"ד - כבר! טייטשן די ספרים הק'. פונעם עבר לערנט מען א לעקציע אויפן עתיד. דעריבער זיך גרייטנדיג צו שפאנען אויף פאראויס, לאמיר כאפן א בליק פונדערנאנט אויף די הערליכע פעולות קדושות בעבר להרמת קרן התורה בתוככי הקהילה, און איבער די גאנצע שטאט.

**בכבוד רב , ועד קרן הבנין**
**ביהמ"ד "ישמח משה" דקהל יטב לב**






פרשת וירא - דער ריזיגער ליידיגער באדן


פרשת חיי שרה - הזורעים בדמעה - מ'הויבט אן די גראב-ארבעט (2)


פרשת תולדות - דער שטח ווערט אויסגעגראבן


פרשת ויצא - ביים אויסמעסטן דעם גאנצן שטח


פרשת וישלח - יסודתו בהררי קודש - דער פונדאמענט ווערט אוועקגעשטעלט


פרשת וישב - בונים היכל לה'


פרשת מקץ - די מאסיווע פארשריט איז מערקבאר


ביים גרויסארטיגן מעמד "חתימת השטרות" - דער ציבור רופט זיך אן מיט $1,800 און העכער


פרשת ויגש - אויסארבעטנדיג דעם בוי-פלאן נעבן די מקוה טהרה


פרשת ויחי - דער פארעם פארן יסוד איז שוין פארפולקאמט


פרשת שמות - די יסודות זענען שוין געגאסן געווארן


פרשת וארא - דער געשטעל פונעם מאסיוון בנין זעהט זיך שוין אן


פרשת בא - והבית בהבנותו





פרשת משפטים - די ערשטע זיילן פונעם מאיעסטעטישער סטרוקטשור ווערט ארויפגעצויגן

ח



# השלם זה הבנין

**צום פייערליכן מעמד חנוכת בית המדרש החדש והמפואר**
**ביהמ"ד ישמח משה – דקהל יטב לב דסאטמאר**

שכונת ברך משה – קרית יואל יע"א
בנשיאות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א



פרשת ויק"פ - דער פרעכטיגער אייזן-סטרוקטשור שטייט כליל בתפארתה


פרשת שמיני - די ווענט ווערן צוביסלעך ארויפגעצויגן


פרשת אח"ק - די עיר קאנדישאן-יוניט ווערן ארויפגעצויגן


פרשת אמור - די ווענט ווערן צוגעדעקט מיט א דיקן שיכט


פרשת בה"ב - דער דרויסנדיגער טייל פון די געביידע ווערט פארפולקאמט


פרשת ראה - שיר המעלות - די דרויסענדיגע טרעפ ווערן צוגעגרייט


פרשת שופטים - נשתנה צורה - דער בית המדרש ווערט איבערגעדעקט מיט א פרישן שיכט



זונטאג תצא - רבינו שליט"א שטאט אפ באזוך בהיכל הביהמ"ד אין א שמועס מיט די עסקני הביהמ"ד


פרשת תצא - די עיר קאנדישאן יוניטס ווערן געצויגן פון אינעווייניג


פרשת תבא - די פענסטער ווערן אינסטאלירט


פרשת תבא - די פלאמבינג ווערן אריינגעצויגן אינעם בנין


פרשת נצבים - לעצט מינוט'יגע הכנות צום פתיחת השערים


פרשת נצבים - לקראת שבת חנוכת הביהמ"ד לכו ונלכה


חנוכת הבית הגדול והקדוש


השלם זה הבנין!

ט



# השלם זה הבנין

צום פייערליכן מעמד חנוכת בית המדרש החדש והמפואר
ביהמ"ד ישמח משה – דקהל יטב לב דסאטמאר
שכונת ברך משה – קרית יואל יע"א
בנשיאות מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א



# שאו שערים ראשיכ"ם!

בעמדינו בפתח השער בשמחה רבה ובהתרגשות דקדושה, בעת שזכינו כרחמיו וכרוב חסדיו לברך ברכת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, עת

## חנוכת ביהמ"ד "ישמח משה" דקהלתינו הק'

**בפתיחת שערי היכל בית מדרשינו החדש והמפואר**

הננו בזה להביע את עומק הכרת תודתינו החמות מול פני

## ידידינו הנכבדים, ראשי וקציני עדת קהלתינו הק'

שעמדו לימינינו לכל אורך הדרך, והשקיעו מיטב כוחם ואונם לכבוד בית תפארתינו
הלוא המה

הכהן הגדול מאחיו, ידידינו עוז

הרה"ח **רבי אביגדור הכהן ראזנבערג** שליט"א
שעסק ככה"ן בעבודת"ו במלאכת הקודש
לבנות הבית הגדול והקדוש במסירות יתירה ונאמנה

הרבני החסיד הנכבד והמרומם
הרה"ח **רבי אברהם ווידער** שליט"א
ראש קהלתינו וקריתינו הק'

הרבני החסיד הנכבד והמרומם
הרה"ח **רבי מאיר הירש** שליט"א
מראשי הקהילה והקרי'

הרה"ח **ר' גדלי' יקותיאל סעגעדין** הי"ו
ווילידזש אדמיניסטראטאר

והרה"ח **ר' שמואל אהרן לאנדא** הי"ו
חבר הנהלת הווילידזש והקרי'

הרה"ח **ר' אהרן יוסף לאנדא** הי"ו
מזכיר קהלתינו הק'
העומד תמיד לימינינו בכל עת ובכל שעה

הרה"ח ר' **חיים שלמה פישער** הי"ו
משב"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
על עזרתו המרובה לעשות את השבת נועם הנשמות בשכונתינו המפוארה ועל מסירותו תמיד

על עזרתם המרובה בכל מה דאפשר

## אשריכם וטוב לכם! צדקתכם עומדת לעד!

יה"ר שזכות בנין בית מקדש מעט יעמוד לכם להתברך בבני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי, וזכותו הגדול של כ"ק מרן רבינו הקדוש בעל ברך משה זצוק"ל ששכונתינו נקראת על שמו יגן בעדינו עדי נזכה ליעוד הכתוב 'והביאתים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפילתי', בביאת בן דוד ומלכינו כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בראשינו, בב"א.

בכבוד ובהערצה יתירה

**ועד קרן הבנין - הנהלת ביהמ"ד**

# חברים קומט צו הילף איד וועלכער איז געשטראַנדעט געוואָרן זוכנדיג אייגענע קאַר

די חברים אָרגאַניזאַציע איז וואויל באַקאַנט און עס איז שווער אויסצוקלויבן וואָסערע באַריכטן פון אירע צענדליגער טעגליכע נאָבעלע מעשי החסד צו פאַרציילן פאַר די איינוואוינער צוליב זייער פילצאַליגקייט.

אָבער דאָך, פון צייט צו צייט, מאַכט זיך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע וואָס איז ווערד איבערצוגעבן פאַר די ליינער צו ווייזן די וויכטיגקייט פון אָט די לעבנסוויכטיגע אָרגאַניזאַציע וועלכע שטייט גרייט 24 שעה אַ טאָג צו העלפן אידן אין פאַל פון נויט.

עס איז געווען אַ פרייטאָג נאָכמיטאָג אין איינע פון די פאַרגאַנגענע וואָכן, ווען אַן אויסשטאָטישער איד האָט אַריינגערופן מיט אַ היסטערישן טעלעפאָן רוף אַז ער האָט איבערגעלאָזט די קינדער אין קאַר און איז אַריינגעגאַנגען אין אַ סטאָר איינקויפן און יעצט קען ער נישט טרעפן די קאַר.

דער איד, נישט פון דאָהי, איז געגאַנגען איינקויפן אינעם וואָודבורי קאַמאַן שאַפּינג מאָל, נוצנדיג אַן אויטאָ וואָס ער האָט יענעם טאָג געבאָרגט פון אַ חבר, אינעם אויטאָ האָט ער געהאַט זיינע קינדערלעך אונטער'ן אויפזיכט פון אַן ערוואַקסענעם, און האָט זיי אַזוי איבערגעלאָזט און איז אַריינגעגאַנגען אין איינע פון די געשעפטן.

אַרויסקומענדיג האָט דער איד בשום אופן נישט געקענט געדענקען וואו ער האָט איבערגעלאָזט די קאַר פאַרקירט, און האָט אויך נישט געוואוסט וואָס צו זוכן וואָרום עס איז געווען אַ געבאָרגטע קאַר וואָס ער האָט יענעם טאָג געבאָרגט און האָט זיך נאָכנישט געהאַט איינגעקריצט אין זכרון דעם קאָליר און אויסזען פונעם קאַר און דעם לייסענס פלעיט.

עס קלינגט אַביסל לאַכנדיג אָבער פאַר דעם איד איז דאָס גאָרנישט געווען קיין וויץ, ער האָט זיך קודם אַרומגעדרייט אַ שעה צייט אַ הילפלאָזער זוכנדיג די אויטאָ און האָט זיך דערזען אין אַ קלעם, עס איז פרייטאָג נאָכמיטאָג און דער זמן שב"ק דערנענטערט זיך און ער דאַרף נאָך אַרויפפאָרן אַ שעה צייט צום קאָנטרי, און דאָ טרעפט מען נישט דעם אויטאָ און דאָרטן זיצן פיצעלע קינדערלעך און מען קען זיי נישט געפונען.

דער איד איז געווען צעטראָגן און עס איז געווען יענס געשעפט, וואָרום דער וואָודבורי קאַמאַן מאָל האָט ריזיגע פאַרקינג לאַטס וואָס זענען אויסגעשפרייט אויף צענדליגער אַקער לאַנד, דער מאָול האָט גאר אסאך פאַרקינג ספּעיסעס, און דער איד האָט נישט געהאַט קיין שום אַנונג וואו ער האָט פאַרקירט וואָרום ער איז אַריין אינעם ריזיגן מאָל פון איין ריכטונג און איז אַרויסגעקומען פונעם צווייטן און אַלע מאָל געשעפטן און אַריינגענג האָבן די זעלבע מוסטער פון שילדן און גאַסן אַראַנדזשירונגען און עס איז זייער גרינג צעמישט צו ווערן.

ער האָט אפילו נישט געוואוסט וואו, אין וועלכן ווינקל, אָנצוהויבן זוכן. אין פאַרצווייפלונג האָט ער אָנגערופן גוטע פריינט און באַקאַנטע וועלכע האָבן אים געראָטן צו רופן די נומער 1 ציווילע הילפס אַגענטור אין קרית יואל, נעמליך די חברים אָרגאַניזאַציע.

די חברים וואָלונטירן זענען גלייך אַרויסגעפאָרן צום וואָודבורי קאַמאַן מאָל און מען האָט זיך גענומען זוכן, און זוכן, איר גלויבט נישט אָבער אַ שעה צייט איז מען אַרומגעגאַנגען מיט'ן איד פון עק מאָל צום עק מאָל זוכנדיג זיין אויטאָ.

אינצווישן זענען געזיצן די קינדערלערלעך אונטער'ן אויפזיכט פונעם ערוואַקסענעם אין גרויס פּאַניק, יענער האָט טאַקע געהאַט אַ סעלפאָון אָבער די בעטערי איז אויסגעלאָפן און ער איז געזיצן אינעם קאַר מיט גרויס אָנגעצויגנקייט און פּאַניק וויסנדיג אַז מען האָט אָפּגעשמועסט אַז ער גייט נאָר אַריין פאַר אַ מינוט קויפן עפּעס אין אַ געשעפט און דאָ פארציהט זיך דאָס אַזוי לאַנג און דער זמן שב"ק דערנענטערט זיך.

בחסדי השם, נאָך אַ שעה צייט זוכן, האָט מען ענדליך צוזאמגעברענגט דעם טאַטן מיט די קינדערלעך און די קאַר איז אָפּגעפונען געוואָרן, און עס איז נאָך געווען פונקט גענוג צייט זיך אַרויסצולאָזן אין וועג אָנצוקומען צום קאָנטרי דעסטינאַציע פאַר שב"ק.

והשיב לב אבות על בנים.

# איבערגעגעבנהייט פון חברים אָרגאַניזאַציע קומט צום אויסדרוק פאַרגאַנגענעם כ"ו אב

אַ גאַנץ יאָר טוט חברים איר אַרבעט אין די ווינקלען און אין די שאָטנס, נישט אַלעמאָל זעט מען אָן די פּעולות צו העלפן אידן אין פאַל פון נויט, אָבער פאַרגאַנגענעם כ"ו אב, ביים יום קהלה לכל דאָהי אין קרית יואל, האָט יעדער געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען דעם געטריישאַפט פון די חברים וואָלונטירן וועלכע שטייען גרייט אַ גאַנץ יאָר צו העלפן אידן און ספּעציעל צו העלפן דעם ציבור ביי צוזאַמקונפטן.

כ"ו אב, דער יומא דהילולא רבה, איז אַ טאָג וואָס צענדליגער טויזנטער אידן שטראָמען קיין קרית יואל צום ציון פון רבינו בעל דברי יואל זי"ע, און עס טוט זיך אַ ריזיגן פאַרקער פון פּיסגייער, קינדער, בחורים'לעך, יונגעלייט, מיטליאָריגע אידן און אויך עלטערע אידן לאורך ימים ושנים.

כ"ו אב קומט אַלץ אויס אין די הייסע זומער טעג, און ווי פאַרשטענדליך פעלט זיך אויס צוצושטעלן סערוויסעס פאַר'ן ריזיגן ברייטן ציבור וועלכע קומען זיך משטתח זיין אויפ'ן ציון זיך אויסצובעטן כל טוב.

דאָ קומען אַריין אין בילד די חברים וואָלונטירן וועלכע פירן שוין עטליכע יאָר אָן די אָנטרונקען אַפּעראַציע מיט גרויס געניטשאַפט.

שוין טעג בעפאָר כ"ו אב האָט מען געאַרבעט צוצוגרייטן די מאַשינערי און איינריכטונגען צוצושטעלן די קאַלטע משקאות, נעמליך סתם וואַסער און קאָלירטע וואַסער און אויך די מזונות און קוקיס וואָס מען האָט פאַרטיילט פאַר'ן ציבור לרחצה.

די חברים וואָלונטירן האָט מיט זייער געטריישאַפט מחיה געווען צענדליגער טויזענטער פאַרשמאַכטע אידן וועלכע האָבן זיך פשוט דערקוויקט מיט די קאַלטע משקאות און די צובייס, זיצנדיג אינעם ברייטן באַקוועמען געצעלט האַרט נעבן דעם טרונקען סטאַנציע ביים באַזע פונעם באַרג אַרויפצוגיין צום ציון הק'.

די חברים וואָלונטירן האָבן זיך נישט באַגנוגט דערמיט נאָר זענען אַ גאַנצן טאָג געשטאַנען גרייט אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר עס האָט זיך אויסגעפעלט, אַריינגערעכענט דאָס דרייוון די ספּעציעלע טרעקלעך וואָס מען האָט גענוצט אַרויפצוטראָגן די עלטערע לייט וואָס קענען נישט גיין צופיס און זיי אָפּפירן צום ציון און דערנאָך אַראָפּטראָגן.

אויך האָבן די חברים מיטגלידער אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע קלענערע סטאַנציע האַרט ביים טיר פונעם אוהל פונעם ציון, כדי מענטשן וועלכע קומען אַרויס פונעם הייסן אוהל זאָלן זיך קענען דערקוויקן מיט אַ געטראַנק, וואָרום שוין עטליכע מאָל האָט זיך געמאַכט אַז מענטשן זענען געפאַלן באַוואוסטלאָז צוליב די שווערע היצן.

די צענדליגער טויזענטער אידן וועלכע האָבן באַזוכט ביים ציון האָבן אָפּגעגעבן אַ דאַנק פאַר די חברים וואָלונטירן און אויסגעדרוקט אַ יישר כוח פאַר זייער הערליכע אַרבעט וועלכע איז בלויז איין קליינעם טייל פון זייער גאַנץ יעריגע אַרבעט צו העלפן אידן אין נויטפעלער.

**וויכטיגע מעלדונג פון חברים:**

# מאַכט זיכער צו האָבן אַ ספּעיר רעדל מיט זיך ביים רופן פאַר הילף

די חברים אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן אַ מעלדונג בעטנדיג מענטשן זיכער צו מאַכן אַז זיי האָבן אַ ספּעיר רעדל מיט זיך ווען זיי רופן אַריין פאַר הילף אין די חברים הויפטקוואַרטיר, אין פאַל מען האָט אַ געפּלאַצטן רעדל און מען קען נישט ווייטער פאָרן.

דאָס דאַרף מען נישט זאָגן אַז יעדער דאַרף טראָגן אַ ספּעיר רעדל מיט זיך, אָבער עס איז גאָר וויכטיג אַז ווען מען רופט אַריין פאַר הילף זאָל מען זיכער מאַכן פון פראָנאויס אַז מען האָט אַן ערזאַץ רעדל מיט זיך, אַז נישט דאַרף מען דאָס זאָגן פאַר'ן דיספּעטשער.

ווי פאַרשטענדליך ווען אַ מענטש פאַרמאָגט נישט קיין ספּעיר רעדל קען מען אים גאָר שווער העלפן, און אין אַזאַ פאַל איז מעגליך אַז ער וועט דאַרפן רופן אַ שלעפּער טראָק און צאָלן געלט דערפאַר.

די מעלדונג איז ספּעציעל וויכטיג פאַר 15 פּאַסאַזשיר ווענס און אַנדערע סאָרט אויטאָס וואָס נוצן אומגעוועגליכע ספּעיר רעדער, וואָס אָן קיין ספּעיר רעדל קען מען זיי נישט העלפן.

אויך בעט די חברים אָרגאַניזאַציע אַז ווען מען דאָמפּט אַן אַלטן קאַר זאָל מען אומבאַדינגט אַרויסנעמען דעם ספּעיר רעדל דערפון און דאָס מנדב זיין פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע, וואָרום אַ ספּעיר רעדל איז אַ גרויסער אוצר פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע און עס איז אַ שאָד אַוועקצוואַרפן בידים.

אַ וויכטיגער פונקט פאַרוואָס מען דאַרף דעם ספּעיר רעדל אַוועקשענקען פאַר חברים איז ווייל פאַרשידענע נייערע אויטאָס פאַרמאָגן שוין בכלל נישט קיין ספּעיר רעדל און ווען עס מאַכט זיך אַ פּראָבלעם איז נישטאָ וויאַזוי צו העלפן סיידן רופן אַ שלעפּער טראָק.

אַ ביישפּיל זענען די נייע טאָיאָטאַ סיענע מיני-ווענס וואָס קומען מיט ספּעציעלע רעדער וואָס קענען פאָרן אפילו זיי פאַרלירן די לופט און ווערן פלאַך, די רעדער זענען ספּעציעל אויסגעשטאַט מיט שטאַרקע ווענט צו דערהאַלטן דעם וואָג פונעם אויטאָ אפילו אָן לופט.

דאָס איז טאַקע גוט ווען מען ליידט סתם אַ לאָך, וואָס טוט זיך אַז דער גאַנצער רעדל ווערט פאַרניכטעט צוליב אַ קראַך אָדער אַן אַנדערן אורזאַך דאַן דאַרף מען אַ ספּעיר רעדל און ביי די סיענע מיני-ווענס איז דאָס נישטאָ צום האָבן. אויך דאַרף די חברים דעם ספּעיר רעדל ווייל צומאָל קומט מען אָן צו אַ הילפס רוף און עס שטעלט זיך אַרויס אַז צווי רעדער זענען קאַליע געגאַנגען און דער איינס וואָס דער אויטאָ פאַרמאָגט איז נישט גענוג.

אויך איז וויכטיג אַז פאַר'ן אוועקוואַרפן דעם אויטאָ זאָל מען אַרויסנעמען דעם דזשעק און דאָס אַוועקגעבן פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע וועלכע קען דאָס גוט פאַרנוצן.

# יערליכע חברים ראַפּעל קאַמפּיין אדורכגעפירט מיט סוקסעס

די עסקנים פון די וואויל-באַרימטע חברים אָרגאַניזאַציע זענען אין די לעצטע וואָכן געווען אַקטיוו אין די בתי מדרשים און צווישן יונגעלייט אַרבייטנדיג אויפצוטרייבן געלט פאַר די נאָבעלע חסד אָרגאַניזאַציע דורך דעם יערליכן ראַפּעל.

עס איז שוין עטליכע יאָר וואָס אין די ענדע זומער חדשים ווערט געלאָזט אין גאַנג דער חברים ראַפּעל קאַמפּיין, אין וועלכן מען האָט די געלעגנהייט צו שטיצן די נאָבעלע אָרגאַניזאַציע וואָס עס איז שווער צו טרעפן אַ איד וועלכע האָט נאָכנישט גענאָסן פון איר, און מתן שכרה בצדה איז דאָס וואָס מען קען געווינען דעם הויפּט פּרייז פון 5,000$ אין קעש און אַ רייע קלענערע פּרייזעס.

די עסקנים גיבן איבער אַז דער אָפּרוף איז אַ געוואַלדיגע, מענטשן נעמען אויף די עסקנים בסבר פנים יפות און באַשטייערן זיך גרויסע סכומים געלט וויסנדיג אַז דאָס איז אַ גאָר וויכטיגע אָרגאַניזאַציע צו וועלכע יעדער מוז אַמאָל צוקומען ווען מען איז געשטראַנדעט און מען געפינט זיך אין אַ נויטפאַל.

די פירנדע עסקנים פון די חברים אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעדרוקט גרויס צופרידנהייט איבער דעם וואַרעמען אָפּרוף פונעם ציבור.

א טאג בעפאר ערב ראש השנה איז פאַרגעקומען, ווען דער גליקליכער זוכה בגורל איז געווען הרה"ח ר' יושע בר"י ניישטאדט הי"ו.

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

**TRANSPORTATION DEPARTMENT**

**מיט גרויס פרייד מעלדן מיר פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו,**
**אז אין א פארזוך צו פארגרינגערן און פארבעסערן די קאמיוניקאציע סיסטעם**
**צווישן די עלטערן און די טראנספארטאציע דעפארטמענט,**

**האבן מיר איינגעשטעלט א**

# קאמיוניקאציע ליין

**וואו איר קענט רופן במשך א גאנצן טאג איבער סיי וועלכע פראבלעם אדער קאמפלעינט**

**פאר סיי וועלכע טראנספארטאציע אנגעלעגנהייט רופט:**

# 782-2300 Ext. 123

**מיר האבן אויפגענומען א ספעציעלע דיספעטשאר וואס וועט אויפהייבן**
**און ענטפערן די טעלעפאנען, ווען איר רופט אריין אין די פאלגענדע זמנים:**





פון **מאנטאג** ביז **דאנערשטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **5:00** נאכמיטאג

**פרייטאג:** פון **9:00** צופרי ביז **1:00** נאכמיטאג

**אין פאל פון אן עמוירדזשענסי, צב"ש א פארלוירן קינד אדער אן עקסידענט ח"ו,**
**קען מען רופן 24 שעה אויפ'ן זעלבן נומער, און דער קאל וועט געטערנספערט ווערן**
**צו א סעליולער טעלעפאן פונעם טראנספארטעישאן דעפארטמענט.**

פאר אלע אנדערע אנגעלעגנהייט, צב"ש א טויש אין אדרעס, א קאמפלעינט אדער א פראגע, זאל מען רופן בלויז אין די אויבנדערמאנטע שעה'ן.

**אכטונג: אויב איר מופט אין א נייע דירה, ביטע רופט אריין וויניגסטנס 2 וואכן בעפאר**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און האפענונג אויף אייער פארשטענדעניש.

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# אַ טראָק מיט ליטווישע בחורים אין טשעסטער און פּאָליציי און די הילף פון חברים...

יאָ, דער קעפּל שטימט אייך נישט, עס קוקט אויס ווי אַ טעות הדפוס, אָבער עס איז נישט קיין טעות. לאָמיר אייך פאַרציילן אַ רעטונגס געשיכטע וואָס די חברים אָרגאַניזאַציע האָט אויסגעפירט.

עס איז געווען איינע פון די נעכט און עס קומט אַריין אַ הילפס רוף איבער אַ טראָק מיט בחורים וועלכע זענען געשטראַנדעט אין איינע פון די פינסטערע גאַסן פון טשעסטער.

די בחורים, פון אַ ישיבה פון לעיקוואָוד, זענען געקומען אַרויסצופאָרן אין קעמפּ, און האָבן אָפּגעדינגען אַ טראָק צו טראָגן זייערע פּעקלעך און חפצים, דער טראָק דרייווער, אַן ערוואַקסענער 21 יעריגער בחור, האָט געפירט דעם טראָק פון לעיקוואָוד ביז אַהער.

אינצווישן פאָרנדיג אויפ׳ן רוט 17 האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שרעקליכן שלאַקס רעגן, און פאַר עפּעס אַן אורזאַך האָבן זיך די ווייפּערס פונעם אָפּגעדינגענעם פּענסקי טראָק צעבראָכן און האָבן אויפגעהערט פונקציאָנירן.

ווייפּערס זענען עפּעס אַזאַ יתום׳דיג קינד, זיי באַקומען נישט זייער נויטיגע אויפמערקזאַמקייט און טוען זייער ווישן אַרבעט מיט געטריישאַפט און אָן אַ פּיפּס און אָן פאַרלאַנגען כסדר׳דיגע מעינטענענס, אָבער ווען זיי גייען קאַליע איז השם ישמרינו דאַן ווערט מען געוואויר זייער ווערד, מען קען קיין טריט נישט פאָרן אין אַ רעגן אָן קיין ווייפּערס.

דער דרייווער פונעם טראָק מיט די בחורים איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַניק, עס שפּערט מיט אַ שלאַקס רעגן און דאָ דרייווט ער אומערפאַרענערהייט אַ ריזיגן טראָק, וואָס אפילו אין פרידנסצייטן איז דאָס מער ווי זיינע קוואַליפיקאַציעס, און יעצט רעגנט, און ער איז האַלב בלינד ווייל דער פענסטער איז פאַרווייקט מיט רעגנוואַסער, און ער זעט נישט קיין טריט פאָראויס און ער איז דאָ פאַראַנטוואָרטליך פאַר מערערע אידישע נפשות וואָס זיצן אין זיין טראָק און זייערע געפּעק.

אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט דער טראָק דרייווער אַראָפּגעפירט דעם טראָק פונעם רוט 17 אַריין ביים ערשטן עקזיט נעמליך דער עקזיט 127 אַריין אינעם דערפל וואָס רופט זיך טשעסטער.

די בחורים אינעם טראָק האָבן זיך געפונען שטיין אויף אַ טונקעלען איזיאָלירטן גאַס, ווייט פון יעדן ישוב, און אָן קיין שום מעגליכקייט צו רופן פאַר הילף, וואָרום דער טראָק האָט זיך פאַרלאָשן און האָט זיך נישט געוואָלט אָנצונדן און קיין קראַפט האָט דאָס מער נישט געהאַט, דאָס האָט געמיינט אַז זיי האָבן נישט געקענט טשאַרדזשן דעם סעלפאָון צו רופן פאַר הילף.

מענטשן כאַפּן זיך נישט ווי שנעל מען קען אַרויסגעשלעפּט ווערן פונעם גלייכגעוויכט און זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פיזור הנפש און סכנות נפשות, אָבער שטעלט זיך פאָר דעם צושטאַנד פון די חבורה, זיי זענען אין אַ טראָק, אָנגעפילט מיט חפצים, אויף אַן איזיאָלירטן דאָרפישן ראָוד, אָן קיין מעגליכקייט ווייטער צו פאָרן, און אָן קיין שום קאָמוניקאַציע, ווילאַנג וועלן זיי אַזוי זיצן? האָבן זיי געטראַכט, ווער וועט זיי קומען צו הילף?

אין גרויס פאַרצווייפלונג זענען זיי צוגעגאַנגען צום הויז דערנעבן זוכן הילף און זעענדיג אַז עס איז ליידיג האָבן זיי געעפענט דעם טיר פונעם באַלקאָן כדי צו געפונען אַ פּלאָג צו טשאַרדזשן דעם סעלפאָון און קענען רופן פאַר הילף, ווי פאַרשטענדליך איז דאָס אַן אומערלויבטע שריט וואָס קיינער וואָלט אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן נישט געטאָן, אָבער צוליב די בהלה און פאַרלוירנקייט האָט דאָס פּאַסירט.

זיי האָבן זיך גענומען טשאַרדזשן דעם טעלעפאָן און האָבן זיך גענומען מאַכן קאָלס, און די וועלכע האָבן זיי געוואָלט העלפן פונדערווייטנס האָבן זיי גלייך אָנגעטייטעלט צו רופן די חברים אָרגאַניזאַציע פון קרית יואל.

איידער די חברים האָבן געקענט אַרויסבאַקומען פון די פאַרלוירענע קבוצה בחורים וואו גענוי זיי געפינען זיך, איז דער צושטאַנד אַרגער געוואָרן, עס זענען אַפּירגעקומען די טשעסטער ווילידזש פּאָליציאַנטן וועלכע - זייענדיג לאַנגווייליג פון דעם מאַנגל פון קאָלס אין דעם רעגנדיגן נאַכט - האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ׳ן אינצידענט כמוצא שלל רב, ווי קען דען זיין בעסערס ווי טרעפן אַ טראָק מיט בחורים וועלכע זוכן זיך אַריינצורייסן אינעם היים פון אַ פרידליכן טשעסטער פאַרמער און אים באַרויבן.

די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ גאַנצן סומאַטאָכע פון די געשיכטע, און האָבן געוואָלט מאַכן אַרעסטן, עס האָט גענומען לאַנג ביז די בחור׳לעך און זייער ערוואַקסענעם באַגלייטער האָבן זיך קוים מיט צרות איינגעבעטן צו די פּאָליציאַנטן און זיי ערקלערט זייער שווערן צושטאַנד און פאַרוואָס זיי האָבן זיך געשפּירט אַזוי פאַרלוירן צו טאָן אַזאַ שריט ווי אַריינדרינגען אומערלויבט אין אַ פרעמדע היים צו טשאַרדזשן דעם סעלפאָון.

די בחורים האָבן אריינגעהויבן אַ שפּאָר ביסל געשרייען און זלזולים פון די פּאָליציאַנטן וועלכער האָט אויסגעלאָדענט זיין גאַנצן פּאָליצייאישן ווערטער-בוך אויף די בחורים און האָבן אויסגענוצט זייער אויטאָריטעט צום מאַקסימום אנשרעקנדיג די בחורים מיט קייטן און טורמע, אָבער אַ דאַנק די אינטערווענץ פון חברים און מיט הויפּנס סייעתא דשמיא איז געלונגען צום באַרואיגן די פּאָליציאַנטן און שליכטן דעם אינצידענט פרידליך.

די בחורים זענען דורך די חברים וואָלונטירן געפירט געוואָרן קיין קרית יואל וואו מען האָט זיי קוואַרטירט אויף איבערנאַכט און דער טראָק איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן דורך די פּענסקי רענטאַל פירמע כדי צו פאַרריכטן די געשעדיגטע ווייפּערס.

דאָס איז נאָר איינע פון די אויסערגעוועגליכע געשיכטעס אין וועלכע חברים איז געווען פאַרמישט צו ראַטעווען אידן אין אויסטערלישע נויטפעלער. רוב פון די חברים רעטונגען זענען נישט אַזוי דראַמאַטיש אָבער פּונקט אַזוי וויכטיג פון אַ הצלת נפשות שטאַנדפּונקט, וואָרום אַ איד וואָס שטייט אויפ׳ן שאָסיי פאַרלוירן מיט אַ פלאַכן רעדל איז אַ פאַרלוירענער אפילו עס איז אין די גאַס אינמיטן שטאָט.

***

## הונדערטער תושבי קרית דערקוויקן זיך ביי שווערע היצן דורך חברים וואַסער סטאַנציעס

קרית יואל איינוואוינער האָבן אויסגעדרוקט אַ שטאַרקן דאַנק פאַר די געטרייע חברים מיטגלידער פאַר׳ן צושטעלן די וואַסער סטאַנציעס אין צענדליגער ערטער אין שטאָט כדי צו דערקוויקן פוסגייער, מאַמעס און פּיצלעך קינדער, כולל אינגעלייט און בחורים, וועלכע שפּרייזן אויף די גאַסן אין די שווערע היצן און ווערן אויסגעדורשט.

די וואַסער אַפּאַראַציע ווערט אָנגעפירט מיט גרויס געניטשאַפט און איבערגעגעבנקייט, דורך דעם באַקאַנטן איש החסד, דער ענערגישער חברים עסקן הר״ר משה שוואַרץ הי״ו, וועלכער איז ווי מען קען אים אַן "איין מאַן באַנד פון חסד". ר׳ משה פיבערט טאָג און נאַכט מיט חברים און כסדר פאַלט אים איין אין קאָפּ בליציגע איינפאַלן וויאַזוי אַרויסצוהעלפן אידן אין צייט פון נויט.

די חברים וואַסער אַפּאַראַציע האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע יאָרן אין יום טוב שבועות, ווען מען האָט אַראָפּגעשטעלט ביי פאַרשידענע ערטער אין שטאָט געצעלטן מיט טישלעך און פינף גאַלאָנדיגע פעסער מיט אייז קאַלטע וואַסער און אויך גלעזלעך, עס איז אַן אַפּאַראַציע וואָס ווערט דורכגעפירט יערליך אַזש אַז עס איז שוין געוואָרן אַ טייל פונעם יום טוב שבועות.

אינצווישן איז היי-יאָר אָנגעקומען אַ גאָר הייסער וועטער אין די ערשטע וואָכן פונעם זומער, און אונזער ר׳ משה שוואַרץ, מיט זיין געטריי און גאָלדן האַרץ, האָט נישט געקענט זיצן רואיג, און האָט באַשלאָסן אַז מען מוז צושטעלן וואַסער אין די גאָר הייסע טעג כדי אידן זאָלן נישט אויסגיין פאַר דורשט.

אומר ועושה, און במשך לאַנגע טעג איז ער אָנגעגאַנגען טעגליך מיט די שווערע אַרבעט, נעמליך צוזאַמזאַמלען דאָס געלט פאַר די וואַסער (דאָס איז געווען פינאַנצירט ריין פון נדבות און נישט פון די חברים קאַסע), איינקויפן די וואַסער און די גלעזלעך און די אייז, און דאָס אַראָפּשטעלן אין די אַלע סטראַטעגישע ערטער.

די וואַסער איז געווען כמים קרים על נפש עייפה פאַר צענדליגער תושבי קרית יואל, יונג און אַלט, מאַמעס און פּיצלעך קינדער, כולל אינגעלייט און בחורים וועלכע האָבן זיך ממש מחיה געווען מיט אַ קאַלטן טרונק וואַסער ביי די סטאַנציעס, וואָס מען האָט געזען פון דאַנק בריוון וואָס עטליכע האָבן איבערגעלאָזט.

וויכטיגע מעלדונג, אויב ווילט איר האָבן אַ טייל אין די גרויסע מצוה פון צושטעלן וואַסער פאַר אידישע קינדער אין די הייסע זומער טעג דורך מנדב זיין שיינע סכומים געלט צו דעקן די גרויסע אויסגאַבן, ביטע רופט אָן דעם ענערגישן עסקן, הר״ר משה שוואַרץ הי״ו אויפ׳ן נומער 845-537-5563, ולמצוה גדולה יחשב.

## מען שרייט צום באַשעפער און ער שיקט וואַסער בהשגחה פּרטיות!

אָט פאַרציילן מיר אַן עפּיזאָד וואָס האָט געוויזן דעם געוואַלדיגן סייעתא דשמיא, וואָס באַגלייט די וואַסער אַפּאַראַציע.

עס איז געווען איינע פון די גאָר הייסע טעג, און ר׳ משה שוואַרץ האָט ביים סוף טאָג, ווי זיין געוואוינהייט, צוזאַמגענומען די וואַסער פעסער און זיי אַריינגעשטעלט אינעם חברים טראָק, אין די פעסער איז נאָך איבערגעבליבן וואַסער, אָבער ר׳ משה האָט באַשלאָסן זיי נישט אויסצוגיסן וואָרום קאַלט וואַסער אין אַ הייסן זומער׳דיגן טאָג איז אַ "ווערטפולע קאָמאַדיטי" און ער האָט געקלערט אַז עס קען נאָך עמיצן צונוצקומען.

אָט, אָנקומענדיג ביים לעצטן סטאַנציע, אויף בעיקערטאַון דרייוו, האָט ר׳ משה שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט אים פון הימל בהשגחה פּרטיות צוריקגעהאַלטן פון אויסגיסן דאָס איבריגע וואַסער ווי ער טוט יעדן סוף טאָג.

הערט אַ וואונדערליכע ערציילונג:

ביים ווינקל פון בעיקערטאַון ראָוד ביי ישראל זופניק, ביים באָס סטאַפּ בודקע, זענען געשטאַנען אַ גרופּע קינדערלעך תשב״ר אין באַגלייטונג פון זייער מלמד, פון אַ געוויסע תלמוד תורה, די קינדער זענען נישט געגאַנגען שווימען און האָבן שפּאַצירט אַהין צום אויבנדערמאַנטע ווינקל וואו אַ באָס האָט זיי געדאַרפט אָפּנעמען און אַהיימטראָגן.

עס איז געווען אַ ביטער הייסן טאָג, די זון האָט געבאַקן, די יומידיטי איז געווען הויך, די קינדערלעך זענען געווען רויט פאַרשוויצט און פאַרשמאַכט, זיי האָבן זיך געבעטן פאַר וואַסער, און דער מלמד האָט זיי צוגעזאָגט אַז דאָרטן ביים ווינקל איז דאָך דאָ דער חברים סטאַנציע און דער אָראַנדזשער אַמפּער פינף גאַלאָנדיגער אַמפּער און עס איז דאָ קאַלט וואַסער.

אָבער, אָנקומענדיגן צום אָרט האָט מען באַמערקט אַז עס איז ליידיג, די קינדער זענען געוואָרן אַנטוישט, מען האָט נישט געוואוסט וואָס צוטאָן, עס איז געווען אַן ענגע לאַגע, דאָ שטייען אַ סטאַדע קינדער אויסגעדורשט פאַר וואַסער און קיין וואַסער איז נישטאָ.

דער מלמד, זייענדיג עטוואָס פאַרלוירן, האָט ער געהייסן די קינדער ווי פאָלגענד: "קינדער, הייבטס אויף די הענט צום טאַטן אין הימל, און בעטס דעם באַשעפער אַז ער זאָל שיקן וואַסער".

"הייליגער באַשעפער מיר זענען אויסגעדאָרשט... שיק אונז וואַסער..." האָט אָפּגעדונערט דאָס געשריי פון די קינדער אויף די גאַס.

און אָט, טאַקע די סעקונדע, האָט מען געזען דעם חברים טראָק מיט ר׳ משה שוואַרץ ביים רעדל זיך איינדרייען, ר׳ משה איז געקומען אָפּנעמען און צוזאַמלייגן די געציג ביים לעצטען סטאַנציע, און האָט זיך געטראָפן מיט די גאַנצע באַנדע קינדער, הערנדיג זייער געבעט האָט ר׳ משה שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס מען האָט אים פון הימל צוריקגעהאַלטן פון אויסגיסן דאָס וואַסער, דאָס איז געווען טאַקע צוצושטעלן וואַסער פאַר די דורשטיגע קינדערלעך.

ווי פאַרשטענדליך האָט מען די קינדער אָנגעטרונקען, און זיי האָבן זיך מחיה געווען און דערנאָך זענען זיי דורך די באָסעס אָפּגעטראָגן געוואָרן אַהיים.

# אויסגעלאָפּן פון גאַזאָלין אָדער זיך פאַרלאָזט אויף חברים?

די חברים אָרגאַניזאַציע שפּירט פון צייט צו צייט וויכטיג אויסצושמועסן דעם פּונקט אַז די חברים אָרגאַניזאַציע איז געמאַכט צו העלפן עמיצן אין אַ נויטפאַל, אָבער אַמאָל איז אַ נויטפאַל אַ תחלתו בפשיעה און סופו באונס, און אין אַזאַ פאַל איז שוין די פראַגע צי מען האָט זיך געדאַרפט אַריינלאָזן אין אַזאַ סומאַטאָכע און צי וואָלט נישט ליבערשט געוועזן מען זאָל נוצן אַביסל פאָרזיכטיגקייט און זיך שפּאָרן עגמת נפש און דאָס מיס-באַנוצן די אָרגאַניזאַציע.

מאַכט נישט קיין טעות, אז מען איז אין אַ נויטפאַל זאָל מען רופן חברים און די וואָלונטירן העלפן גערן אָן מאַכן חשבונות, אָבער דאָך איז וויכטיג, בעפאָר מען האַלט דאָרטן, אויסצושמועסן וואָס עס איז אַן עמוירדזשענסי און אַ נויטפאַל און וואָס נישט.

פילמאָל מאַכט זיך אַז אַן אויטאָ לויפט אויס פון גאַזאָלין, ווי פאַרשטענדליך האָט יעדע אויטאָ אַ גאַזאָלין זייגערל און קיינער לויפט נישט אויס פון גאַזאָלין אומוויסנד.

אויך, עס איז וויכטיג אָנצומערקן אַז ביי טייל אויטאָס איז דער גאַזאָלין פּאָמפּס סיסטעם געבויט אַז ווען די קאַר איז אויפ'ן באַרג שיף אַרויף איז ענדערשער אַז מען זאָל אויסלויפן פון גאַזאָלין אויב מען האָט ממש גאָר ווייניג גאַזאָלין אינעם גאַזאָלין טאַנק, און דאַן אויב מען ברענגט גאַזאָלין מיט קאַנעס מוז מען אַריינגיסן מער גאַזאָלין ווי געוועגליך אז מען זאָל קענען אָנצינדן דעם אויטאָ.

אַסאַך מאָל איז די עצה אונטערצוהייבן דעם אויטאָ מיט אַ דזשעק פון אונטן, און דאַן אַז דער גאַזאָלין טאַנק ווערט פלאַך און געלעוועלט, קען זיך דאָס אָנצינדן אָן אַריינגיסן איבריגע גאַזאָלין.

די אונטערשטע שורה איז אַז מען דאַרף זיך היטן פון פּראָנאָויס נישט אַריינצופאַלן אין עמוירדזשענסי סיטואַציעס וואָס מען האָט געקענט פון פאַרדעם פאַרמיידן, וואָרום אויסלויפן פון גאַזאָלין איז אַסאַך מאָל סכנות נפשות אויב דאָס פּאַסירט ווען מען איז אויפ'ן הויפּט שאָסיי מיט די גאַנצע פאַמיליע אין קאַר, ווייל ווען דער מאָטאָר פאַרלעשט זיך פאַרלירט מען אויך די ברעיקס און די קירעווען מעגליכקייטן, און מיר דאַרפן נישט מער ערקלערן ווי געפאַרפול דאָס איז.

אויך, ווען מען האָט נישט קיין לופט אינעם רעדל איז די פראַגע צי עס איז אַן עמוירדזשענסי צי נישט, אַז מען קען צופאָרן צום מעקעניק און פאַרריכטן פעלט דאָך נישט אויס צו רופן חברים, די חברים אָרגאַניזאַציע איז געמאַכט אַז אויב עמיצער שטייט געשטראַנדעט, אפילו דאָ אין שטאָט, און קען נישט פאָרן ווייטער ווייל דער רעדל איז פלאַך, דאַן קומט מען אים העלפן זאָפאָרט בסבר פּנים יפות, אָבער בלויז ווען עס קומט אַרויף דער לעמפּל וואָס ציינט אַז פון איינע פון די רעדער פעלט עטוואָס לופט איז דאָס נישט קיין עמוירדזשענסי, מען קען רואיג נאָך צופאָרן צום מעקעניק דאָס פאַרריכטן.

תן לחכם ויחכם עוד.

# אַ שמועס מיט די חברים אָרגאַניזאַציע

אין ליכט פונעם היי יעריגן ראַפל קאַמפּיין האָט די רעדאַקציע פון די הקריה אָפּגעהאַלטן אַן אויספירליכן שמועס מיט איינע פון די פירנדע עקסנים פון די חברים אָרגאַניזאַציע אין וועלכע עס איז אויסגעשמועסט געוואָרן פאַרשידענע אינטערסאַנטע פאַקטן איבער די חברים אָרגאַניזאַציע און דעם היי יעריגן ראַפל קאַמפּיין, לייענט מיט אינטערעסע.

רעדאַקציע: אַ גוט יאָר, וויאַזוי גייט דער היי יעריגער ראַפל קאַמפּיין, וויאַזוי איז דער אָפּרוף?

חברים: ברוך השם גאָר פּאָזיטיוו, מען זעט אַז דער עולם איז שטאַרק וואַרעם פאַר אונזער אָרגאַניזאַציע.

*

רעדאַקציע: וואָס איז די הויפּט פרייז ביי חברים ראַפל?

חברים: די הויפּט פרייז איז 5,000$ און דערנאָך זענען דאָ נאָך צען קלענערע געווינער פאַר קלענערע פרייזעס.

*

רעדאַקציע: מענטשן פרעגן אַז ביי אַ ראַפל וואָס קאָסט 20$ אַ טיקעט איז געוועגליך דאָ אַ גרעסערן פרייז, דוכט זיך פון 20,000$ און העכער, אַזוי זעט מען ביי די אַנדערע ראַפל פון די גרויסע מוסדות און אָרגאַניזאַציעס?

חברים: ריכטיג, אָבער חברים איז אַן אָרגאַניזאַציע וואָס איז בלויז פאַר קרית יואל און קען דערפאַר גיין נאָך געלט בלויז אין קרית יואל און דער ראַפל קאַמפּיין איז די איינציגסטע גרויסע הכנסה פאַר די חברים אָרגאַניזאַציע דערפאַר דאַרף מען דעם גאַנצן ראַפל קאַמפּיין אָנקוקן אין אַן אַנדערן פּערספּעקטיוו.

נאָך אַ וויכטיגער פּונקט איז אַז כמעט יעדער איד אין קרית יואל האָט שוין גענאָסן פון חברים און וועט בדרך הטבע געניסן פון חברים, יעדן מאַכט זיך אַמאָל אַ נויטפאַל מיט די קאַר וכדומה.

אויך, חברים שפּאָרט איין יערליך צענדליגער טויזענטער דאָלאַרן פון אידן דורך די גיכע הילף וואָס זיי שטעלן צו, דאָס איז אויסער די עגמת נפש און צייט וואָס זיי שפּאָרן איין. מאַכט זיך אַ חשבון, איינמאָל רופן אַ טאָואינג טראָק וועגן אַ פלאַכן רעדל אָדער אויסלויפן פון ברענשטאָף קען זיך גרינג אַריינציען אין 150$ אויב עס איז בייטאָג און דאָפּעלט אַזויפיל אויב עס איז ביינאַכט.

*

רעדאַקציע: די ראַפל איז טאַקע די איינציגסטע הכנסה?

חברים: יאָ, חברים מאַכט נישט קיין פּאַרטיס און קיין אַנדערע געלט אויפטרייבונג אַקציעס, די איינציגע אַנדערע הכנסה דורכ'ן יאָר איז דער ערב פסח פרישטאָג, וואָס היי יאָר זענען אירע איינקונפטן געווען פולשטענדיג געווידמעט צו דעקן די קאָסטן פון אָפּקויפן דעם חברים טראָק וואָס מען נוצט טאָג טעגליך צו העלפן אידן.

*

רעדאַקציע: אייגענטליך צו וואָס דאַרף חברים געלט, עס איז דאָך אַלעס וואָלונטירן, נישט אַזוי?

חברים: ריכטיג, און נישט סתם וואָלונטירן נאָר געטרייע וואָלונטירן וועלכע ווערן אַראָפּוואַרפן אַלעס פון די האַנט אין די פאַרנומענסטע צייטן פון יאָר צו העלפן אַ איד, אָבער צו העלפן אידן דאַרף מען האָבן די מיטלען און די מיטלען קאָסטן געלט.

די הוצאות ביי די חברים אָרגאַניזאַציע זענען פאַרשידענאַרטיגע, אָנגעהויבן ביים קאָמוניקאַציע סיסטעם, יעדער מיטגליד איז אויסגעשטאַט מיט אַ ראַדיאָ, עס קומט טאַקע אַ געוואַלדיגן דאַנק פאַר'ן הנהלת ה'ווילידזש פאַר'ן צושטעלן דאָס געלט צו קויפן די ראַדיאָס, אָבער דאָס אָנגיין מיט'ן ראַדיאָ סיסטעם קאָסט כסדר, סיי דער קאָמוניקאַציע סיסטעם צענטראַל, און סיי די כסדר'דיגע אויפהאַלטונג און פאַרריכטונג, דאָס אָנהאַלטן דעם דיספּעטשינג סיסטעם.

די צווייטע און גרעסטע אויסגאַבע מיט וואָס חברים ספראַוועט זיך איז דאָס אויסשטאַטן אירע מיטגלידער. חברים פאַרמאָגט 80 מיטגלידער וואָס דערפון זענען 36 מיטגלידער פולשטענדיג אויסגעשטאַט מיט די נויטיגע געציג צו קענען העלפן אידן.

*

רעדאַקציע: וואָסערע געציג דאַרף אַ מעמבער

חברים: מיר קויפן נישט קיין שלעפּער טראָק פאַר יעדן מיטגלידער, אָבער מען מוז האָבן אַ מינימום פון געציג צו קענען טאָן די אַרבעט, צב"ש: אַ בוסטער קיט, אַן אימפּעקט רענטש, קאָמפּרעסאָר, אַ לאַק-אַוט קיט, פלאָג קיט, קראָו-באַר, ראַדיאָ, א.א.וו.

עס איז נישט שייך אָנדעם צו זיין אַן אַקטיווע חברים מיטגלידער, און עס איז זייער פרוסטרירענד ווען אַ חברים מיטגלידער שפּענדעט די צייט אָנצוקומען צום אָרט פון אַ קאָל און קען נישט העלפן בלויז ווייל ער האָט נישט די נויטיגע געציג.

אין אָנהויב איז טאַקע געווען בלויז געציילטע סעטס פון געציג, וואָס מען האָט זיך כסדר געבאָרגט איינער פונעם צווייטן, אָדער האָבן טייל זיך אַליינס איינגעקויפט די טולס און עס האָט זיך נישט אויסגעאַרבעט, מיטגלידער זענען "אויסגעברענט" געוואָרן ווי מען זאָגט, און טייל האָבן געמוזט אויפהערן גיין צו קאָלס, אַזוי אַז דער לאַסט פון קאָלס איז געפאַלן אויף די געציילטע וועלכע האָבן געהאַט די געציג.

אויסער דעם האָט יעדער הילפס קאָל גענומען סאַך מער צייט וואָס מיינט מער אויפגעהאַלטן דעם וואָלונטיר און מער עגמת נפש פאַר'ן נויטבאַדערפטיגן, מען האָט מער נישט געקענט אַזוי אָנגיין.

אויסשטאַטן אַ חברים מיטגליד מיט די וויכטיגסטע געציג - וואָס אָנדעם קען מען נישט טאָן די אַרבעט צו העלפן אידן - קאָסט מינימום טויזענט דאָלאַר פער מיטגליד. די קאָסטן צו קויפן אויפהאַלטן און פאַרריכטן די געציג ציהט אַריין אין נאָנט צו 20,000$ יערליך און דאָס שטעלט מען צוזאַם בלויז דורך די ברייטהאַרציגע נדבות פון אחינו בני ישראל אין קרית יואל.

*

רעדאַקציע: עס טראָגן זיך שמועות אַז מען נעמט מער נישט אַריין קיין נייע מיטגלידער?

חברים: אַבסעלוט נישט, אדרבה, דאָס האָט טאַקע אַ שייכות מיט פריער, חברים האָט יעצט נישט די נויטיגע פאָנדן אויסצושטאַטן נייע מיטגלידער און אָן קיין אויסשטאַטונג איז נישט שייך אַריינצונעמען פרישע מענטשן.

דאָס איז טאַקע דער ציל פונעם היי יעריגן ראַפל קאַמפּיין אַריינצובאַקומען דאָס געלט אויסצושטאַטן מיט די נויטיגע געציג די נייע גרופּע פון אינגעלייט וואָס ווילן זיך אָנשליסן אין חברים צו העלפן אידן.

די לעצטיגע געציילטע מעמבערס וואָס זענען יאָ איינגעשלאָסן געוואָרן אין די אַגענטור, האָבן זיך אויסגעשטאַט מיט די געציג פון זייער אייגן געלט.

*

רעדאַקציע: וואָס אַלס טוט חברים? וויפיל קאָלס באַהאַנדעלט איר אַ חודש?

חברים: דאָס איז אַ ברייטע פראַגע וואָס פאַרלאַנגט אַן אַרומנעמענדיגן ענטפער.

חברים דעקט בערך 350 קאָלס אַ חודש, וואָס מיינט איבער 4,000 קאָלס אַ יאָר, דאָס איז אַ ריזיגער מספּר פון קאָלס און יעדעס איינע ווערט געדעקט בליץ שנעל מיט אַ געטריישאַפט און מען העלפט כסדר אידן וואָס זענען אין נויטפאַל.

1) רוב קאָלס זענען פון נויטפעלער ווען מען געפונט זיך אויפ'ן ראָוד, ווייל ווי פאַרשטענדליך, ווען אַ מענטש איז אויפ'ן שאָסיי און עס מאַכט זיך אים אַ נויטפאַל איז ער אין אַן ערנסטן פּראָבלעם, ער איז ווייט פון אַ ישוב און קען זיך נישט רירן פון אָרט, וואָרום דער קאַר איז אים געשטראַנדעט מחמת איזה סיבה שיהיה.

אַסאַך קאָלס זענען פלעט טייערס, מען רעדט עמיצער וואָס די רעדל איז פלאַך און ער קען נישט ווייטער פאָרן, אָדער די קאַר האָט זיך פאַרלאָשן, אָדער אַן אַנדערן פּראָבלעם מיט די קאַר, וואָס חברים קומט העלפן.

אויב איז עס איז אַ קלייניגקייט פאַרריכט מען דאָס און יענער קען ווייטער פאָרן, אַז מען קען נישט פאַרריכטן אַרלעדיגט מען יענעם טראַנספּאָרטאַציע צוריק צו די היים און דעם קאַר אַרלעדיגט מען עס זאָל אַריינגעשלעפּט ווערן צום מעכאַניקער.

2) דערנאָך איז דאָ דאָהי אין שטאָט גאָר אַסאַך פעלער ווען מענטשן טרעפן זיך פלוצים אין נויטפעלער, צב"ש מען ווערט אויסגעשלאָסן פון די קאַר, אָדער פון די היים, צב"ש אַ מאַמע האָט זיך אויסגעשפּאַרט און פּיצלעך קינדער זענען אין שטוב, וכהנה וכהנה.

3) אויסערדעם איז חברים אַלץ גרייט צו העלפן פאַר'ן ציבור ביי ספּעציעלע געלעגנהייט אָדער עס זאָל זיך נישט מאַכן, ביי מעידזשאָר עמוירדזשענס פעלער, צב"ש מען דאַרף העלפן זוכן אַ פאַרשוואונדן קינד, עס מאַכט זיך אַ שווערן טראַפיק אויפ'ן טראָוועי ווס דאַן שטייען די חברים מיטגלידער און העלפן אַרויס מענטשן מיט טאַט און ראַט וויאַזוי אָנצוקומען. אין הייסע טעג טוט חברים אַראָפּשטעלן וואַסער ביי די פאַרשידענע סטאַנציעס.

ביי צוזאַמקונפטן צב"ש כ"ו אב און כ"ו ניסן, שטעלט חברים צו צו טרונקען און טראָגט אַרויף און אַראָפּ די עלטערע אידן דורך די טרעקלעך.

4) בנוסף לזה, איז חברים אַ הויפּט אונטערלאַנער און הילף פאַר די כל-ערליי הילף אָרגאַניזאַציעס דאָ אין שטאָט, אַריינגערעכענט ווען הצלה דאַרף מען זאָל צולייגן אַ האַנט ביים אַראָפּברענגען אַ פּאַציענט פון שטוב, רופט מען חברים; ווען מצילי אש דאַרף הילף ביי אַ שטורעם אָדער ווען אַ בעיסמענט ווערט פאַרפלייצט און מען דאַרף דאָס אַרויספּאָמפּן, איז אויסער זייער הילף, רופן זיי חברים פאַר הילף; די ביקור חולים אָרגאַניזאַציע רופט אויך חברים פאַר הילף ווען מען דאַרף טראַנספּאָרטירן סאַפּערס פאַר חולים און קימפּעטאָרינס.

5) חברים האָט אויך די גמ"ח רפואה, וועלכע האָט דריי לאָקאַלן אין שטאָט, וואו מען קען באַקומען נאָן-פּרעסקריפּשאָן מעדיצינען אום שב"ק ויו"ט אויב עס מאַכט זיך אַ נויטפאַל.

6) נאָך עטליכע 'קליינע סערוויסעס' ווי צ.ב.ש. חברים שטעלט צו לעצטענס דעם גרויסן פרישטאָג ערב פסח, ווינטער פירט מען דורך דעם יערליכן רעפלעקטאָר קאַמפּיין וועלכע האָט שוין גראַטעוועט צענדליגער לעבענס, און בעפאָר זומער מאַכט מען דעם קאַר אינספּעקשאָן קאַמפּיין צו אַלס אַ "פּרעווענשאָן" מיטל צו פאַרמיידן עגמת נפש בעפאָר דעם זומער דרייוון סעזאָן.

די אונטערשטע שורה, חברים לעבט אַגאַנץ יאָר און ווירבעלט כסדר מיט אַקטיוויטעטן צו העלפן אידן אין נויטפעלער. דאָס ווערט אונטערגעשטיצט דורך אַן אַרמיי פון 80 וואָלונטירן, צען סטעדי דיספּעטשערס, די ערזאַץ דיספּעטשערס און די חברים פירער, וואָס אַלע אַרבעטן ווי אין איין גרויסע פאַבריק פון חסד.

*

רעדאַקציע: וויאַזוי האָט מען אויסגעזען בעפאָר חברים?

חברים: די חברים אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן 13 יאָר צוריק, און דאָס האָט געטוישט די גאַנצע זאַך.

היינט צוטאָגס איז שווער זיך אויסצומאָלן וויאַזוי מען האָט פונקציאָנירט אָן אַזאַ וויכטיגע אָרגאַניזאַציע ווי חברים, מען האָט זיך טאַקע שטאַרק געמוטשעט און יעדער נויטפאַל האָט פאַר מענטשן אָפּגעקאָסט אַסאַך געלט צייט און מיה און צומאָל איז מען געקומען צו שיעור סכנת נפשות.

צב"ש אַ לאַק-אַוט פון קאַר אָדער שטוב האָט געמיינט שעה'ן עגמת נפש און אַ טייערן פרייז פאַר אַ שלאָסער, אַ פּראָבלעם מיט די אויטאָ האָט געמיינט הונדערטער דאָלאַרן פאַר אַ שלעפּער טראָק און מעכאַניקער קאָסטן, א.א.וו.

*

רעדאַקציע: איז דען נישט דאָ די "העלפּ" טראָקס אויף די הויפּט שאָסייען?

חברים: אַ גוטע פראַגע, חברים איז נישט אין קאָנקורענץ מיט די "העלפּ" טראָקס, אָבער עס איז אַ גרויסער אונטערשייד פון אַ גוי וואָס טוט זיין דזשאָב און אַ איד וואָס קומט העלפן אַ צווייטן איד מיט הארץ און געפיהל.

אגב, די "העלפּ" טראָקס זענען נאָר טעטיג אויפ'ן טראָוועי און אויפ'ן ניו יאָרק 17, אָבער נישט אויפ'ן ניו דזשערסי 17, עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ פּאַסירונג פרייטאָג נאָכמיטאָג נישט לאַנג בעפאָר דעם זמן, אַ איד איז געשטראַנדעט געוואָרן אויפ'ן ניו דזשערסי 17, ממש געציילטע טריט פונעם טראָוועי, ער האָט געהאַט אַ פלעט טייער, דער טראָוועי "העלפּ" טראָק איז פאַרבייגעפאָרן און ער האָט אים געבעטן הילף, דער "העלפּ" טראָק דרייווער האָט אים ערקלערט אַז ער קען אים נישט העלפן ווייל ער איז נישט אינעם טראָוועי און עס איז אַרויס פון זיין טעריטאָריע.

דער רוף איז אָנגעקומען צו די חברים אָרגאַניזאַציע וועלכע האָבן פּונקט געהאַט אַ וואָלונטיר דאַן אין מאָנסי, און יענער איז גלייך אַרויסגעפאָרן געבן הילף און דער איד איז נאָך אָנגעקומען קיין קרית יואל אויף שבת.

*

רעדאַקציע: אַ גרויסן דאַנק פאַר'ן זיך אַראָפּגעבן די צייט איבערצוגעבן די העכסט אינטערסאַנטע באַריכטן פאַר די ליינער פונעם הקריה מיר וואונטשן אייך אַז איר זאָל האָבן ברכה והצלחה בכל מעשה ידיכם און אַז דער היי יעריגער ראַפל אַקציע זאָל געקריינט ווערן מיט אַ 'גאָלדענעם' סוקסעס.

**KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT**

48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

# חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס אריינבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל איפמעקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש**

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**



# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133



***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman


# וויכטיגע מעלדונג!

## דער העלט סענטער וועט
## אי"ה זיין אפן דעם יו"ט סוכות
### אין די פאלגנדע זמנים:

| | ערשטע טעג יו"ט | מיטוואך (א' חוה"מ) | דאנערשטאג (ב' חוה"מ) | פרייטאג (ג' חוה"מ) | זינטאג (הושענא רבה) | צווייטע טעג יו"ט |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פידיעטריק Pediatrics | פון 9:00 ביז 4:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 4:00 |
| מעדיקעל General Medicine | פון 9:00 ביז 4:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 3:00 | פון 9:00 ביז 3:00 | פון 9:00 ביז 4:00 |
| דענטאל Dental | | פון 9:00 ביז 3:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 3:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 3:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 3:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | |




בברכת שמחת יו"ט
## הנהלת עזרת חולים


DESIGN & PRINT / 845.782.3382